לייב קוויטקא

רינג אין רינג

מעלוכע-פארלאג פון

0-657-15604-3
unscanned
70008

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/ringunring00kvit

יודיש פאלקס ביבליאטעק
Montreal - מאנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

УСРР
Державне видавництво

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 15604

RING UN RING

Leib Kvitko

*Permanent preservation of this book was made possible
by Loving Relatives
In memory of Claire and John Kicey.
They lived simply, worked honorably, and gave generously.*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

לייב קוויטקאָ

רינג אין רינג

מעלוכע - פאַרלאַג
פון אוקראַינע
1929

Бібліографічний опис та шифри для библіотечних каталогів на цю книгу вмішені в „Літописі Українського Друку“ та „Картковому Репертуарі“ Української Книжкової Палати

Перша Друкарня
Державного Видавництва України
імени Г.І.Петровського
Харків

צייכנונגען און הילע —
י. ריבאַק

Укрголовліт № 2375. 21/IX 1928. Зам. № 2106. 3000 прим.

א קײלעכיק יאר

צוויטשי — צוויטשי!

צוויטשי, צוויטשי, צוויטשעריי —
פריילינג קומט שוין אפדאָסניי.
פייגל גרויסע,
פייגל קליינע,
אַלע פריילעכע
און שיינע
קומען מיט אַ צוויטשעריי,
מיטן פריילינג אפדאָסניי.

— פונוואַנען פליט איר כעוורע־לייט?
— צוויטשי, צוויטשי, פונדערווייט,
פון די לענדער,
פון די פעלדער,
פון די וואַרעמע דאָרעם־וועלדער,
צוויטשי, צוויטשי, פונדערווייט,
צו אייך, קינדער, כעוורע־לייט.

10.0.8 10.2

פרי-יאָר

דער ווינטער אין וואַסער,
אין וואַסער צעגאַנגען,
וואַסערן וואַשן באַטאָג און באַנאַכט
שטיינער פֿון גאַסן,
שטיינער און פלאַסטער,
וואַסערן ראַשן באַטאָג און באַנאַכט.
דאָרט, וואו די זון שטייט —
שטייען די קינדער.
דאָרט, וואו די קינדער —
איז פריילינג שוין איצט.
אין הויכע הויכן, גרייט זיך פאַר קינדער, —
פאַרביקער בויגן, ליכטיקער בליץ!

איז דען ניט פריילעך?
ס'איז פריילעך אינדרויסן,
ס'איז פריילעך אין דרויסן —
מע גייט אַף דער זון!
אַפילע דאָס וואַסער צו שטיינער דערציילט:
אַז פריילעך אין דרויסן —
מע גייט אף דער זון!

שוואַלבן

בײַ דעם פֿענסטער אױף דער װאַנט
איז אַ נעסט פֿאַראַנען,
אױף דעם שװעלעכל פֿון נעסט
איז אַ שװאַלב געשטאַנען.

לעבן שװאַלב אַ שװעלבל שטײט,
לערנט עס זיך צירן.
לערנט פֿון דעם שװאַלב זיך אױס,
װי מע דאַרף זיך פֿירן.

װי מע קען בײַ בלאָסער זון
אָנטאַפּן די שטראַלן;
ס'אַראַ לײמען מע פֿאַרקנײט,
װען די װענטלעך פֿאַלן.

װי מע שטעלט זיך אױס דעם װעג,
װען די צײַטן קומען.
װעלכע לענדער פֿליט מען דורך,
װעלכע בערג און בלומען.

הערט דאָס שוועלבל אויס דעם שוואַלב,
קלאַפּט צו מיטן עקל.
באַלד אַף דר׳ערד אַ פלי אַראָפּ,
אויפקלויבן אַ ברעקל.

— ניט אַזוי אַ פלי אַראָפּ! —
זאָגט צו דעם די מאַמע —
דאַרפסט דיין אַרבעט מאַכן גלאַט, —
פלי מיט מיר צוזאַמען...

דאָס ריטשקעלע

מורמלט זיך אַ ריטשקעלע:
— מור, מור.
וואַרפט מען דעם אַ שטיינדעלע:
— בור, בור.

קומט אַהער אַ ציגעלע:
— הופּ, הופּ.
לאַדט באַלד איין דאָס ריטשקעלע:
— זופּ, זופּ.

דאַנקט דערנאָך דאָס ציגעלע:
— מע, מע.
לאַכט מיט פרייד דאָס ריטשקעלע:
— כע, כע.

וואַרט דאָס נאָך, דאָס ריטשקעלע:
בליצט, בליצט.
קומט אַהער אַ פאַסטוכל,
און זיצט.

זופּט ער מיט אַ שטרויעלע:
— טריף, טריף.
כאַפּט זיך באַלד צום פּייפעלע:
— פּיף, פּיף!

נאַכט שוין, שרייען קראָעלעך:
— קראַ, קראַ.
גריסט אַ פּראָש דעם ריטשקעלע:
— קוואַ, קוואַ.

ס׳איז דעם גוט, דעם ריטשקעלע:
— אָ־וואַ!
בלעבעלט עס, דאָס ריטשקעלע:
— כאַ, כאַ...

זומער - קאָלאָניע

זומער איז שוין, זומער ליבער,
פאָרן מיר אין וואַלד אריבער.

ס׳איז אין שטאָט שוין זייער הייס.
— נעמט פארפאקן דאָס געפעס!

— ראַבטשיק, נאָכן וואָגן לויף!
— נאָר דאָס טייבל נעמט ארויף!

— זעט נאָר, זעצט אייך גוט דאָרט אויס!
— ס׳פּאַלט דאָס טייבעלע ארויס!

— קינדער, האלט אייך אָן אינײנעם,
בּאַ די לאַפּקעלעך די קליינע,

— הערשל, זיץ! לענקע, זיץ! זיץ דו, רייזל,
זע, דו כאַפּסט אַ שנאָל אין נעזל!

— ווער האָט דאָ די קאַץ באַזעצט?—
טויבן האַלטן ניט פון קעץ!

פאָרן זיי און פאָרן,
פעלן אויס דעם קאָרן,

פעלן אויס דעם מאָן.
קרייט אַ געלער האָן:

„די קינדער קומען אָן!
„די קינדער קומען אָן!"

שפּרינגען זיי ארויס,
וואַשן זיי זיך אויס
און ווילן עפּעס קאָכן,—
איז דער טאָפּ צעבראָכן!

מאַכט מען ניט קיין גוואלד!—
מע נעמט זיך דאַרע קיכעלעך,
מע ווארפט אראָפּ די שיכעלעך
און האיידא אין וואלד!

רעגנלאָזע צייט

אינזלען פּאַרוויכערטע,
מעשן־קאָלירטע,
זילבער־באַצירטע,
שווימען אַף הימל.

פעלדער מיט שאָטנס,
שאָטנס און ווינט,
און געגזענער טומל.

וויכערלעך טאַנצן,
רעוועון בעהיימעס,
דארן טאָפּאָליעס,
דערנער אַף וועגן,—

אַלעם און יעדן
ווילט זיך אַ רעגן.

פארן רעגן

גיך אַראָפּ די מיצעלעך! —
פאַר דונערן, פאַר בליצן,
שטייף און גלייך, ווי פלאַקסן!

זאָל רעגן נעצן קעפּעלעך,
ווי באַרן און ווי עפּל,
וועלן מיר גיכער וואקסן!

נאָכן רעגן

אָט וועט צעטערן דער הימל
און אַ רעגעלע וועט גיין...

סע באַהאַלטן זיך די הינער,
און די ציגן אונטער סטריכעס,
הינט מיט הינטלעך אונטער קלעצער,
אַפן פריפעטשיק — די קעצלעך.

און נאָר מיר, די קליינע קינדער,
אין די ריטשקעלעך מיר טאַנצן,
מיט די אוירינגלעך, די בולבעס. —
און איינעם מיט זיי לאַכן,
און איינעם מיט זיי לויפן,
גלייך צום טייך!

ערשט דערנאָך, — די זון וועט קומען,
מער אַ נייע, מער א שטארקע,

און וועט אויסקושן די דעכלעך,
און די פענעמ׳לעך, די צעפלעך,
און די פלודערלעך און קליידלעך,
און די בלימעלעך די קעפלעך!

מאָן

אַ גוט מאָרגן, סעדל, פעלד!
עפּל־בוים און קאָרן!—
זעט די מאָגנען, קוקט זיי אָן,
ווי גרויס, ווי שיין געוואָרן!

נעכטן ערשט די מאָנען דאָ,
אין גרינעם כ׳האָב געלאָזט זיי;
איצט איז שווער דערקאָנען זיי!—
אין פּערל־קליידער ראָזע!

שיינען פון די בלוזקעלעך,
די איידל־גרינע קעפּלעך.
גריסן ליבּלעך אלעמען:
דעם פעלד, די באַרן, עפּל.

נעכטן ערשט נאָך גרינע דאָ—
גרויסע שוין אצינדער!
זאָלן וואַקסן אָט אזוי,
אלע ליבּע קינדער!

הינדעלעך
(אַ פּרעמדער מאָטיוו)

לולי, לולי הינער,
קומען אָן צופּליען,
אין די רויטע זעקעלעך,
זעצן זיך אַף שטעקעלעך,
הויבּן אָן צו פּרעגן:
— וואָס די קינדער געבּן? —
צי אַ טעפּל בּעבּעלעך,
צי אַ בּיסל אַרבּעסלעך,
צי צום אלעמערשטן
גאָר אַ שיסל גערשטן?

דרעש-צייט

ברייטער הויף,
פול מיט שטויב,
פול מיט ווייץ און קאָרן־הויט:—
פוף־פאַף, טיל־טעל,
פוף־פאַף, טיל־טעל,
זיין ווײַט מעל!
זיין ווײַט ברויט!

גאבליע בלאַנקט.
בלאַנקט דערלאַנגט,
די מאשין אין פולן גאנג.
און די גאַרעס,
די מאזשאַרעס,
פאָרן אָן, פאָרן אָפּ,
אָנגעלאָדן סנאָפּ אַף סנאָפּ.
איינגעפלאָכטן זאַך אין זאַך,
ראש און פרייד קינד און קייט—
אין אַ יאָנטעוו טראַראַראַך!

מאַי

מיט מעסער־שפּיץ
א שטאָך אין דער בעריאָזע,—
הויבט אָן וואַסער טריפן,
טריפן, טריפן...
פון קלינגנדיקער ערד
ביז בלויע טיפן,—
נעמט ארויף אונז, פרילינג,
אף די לייכטע שיפן.

פון קלינגנדיקער ערד
ביז בלויע טיפן,—
זינגען מיר דאָ קאמף,
זינגען זיג־געזאנגען!
דער רוף צו קאמף
מוז יעדער לאנד דערלאנגען!
דער רוף צו קאמף
טוט יעדער לאנד דערלאנגען:
צו יעדער לאַנד איז גרוס
פון זיג דערגאַנגען!

ס'ע הויבט אין שטאָט דאָס שטאָל,
ס'ע הויבט אין דאָרף די פלאקסן.

מע גייט,
מע גייט,
מע גייט
מע גייט
פון דערפער, שטעט,—
מע גייט!
מיר וואקסן!

זומער

זום, זים, זום,—
שפּילט דער זשוק מיט פליגעלעך,
ווי א דינינק פידעלע,
שפּילט דעם טאָג אַ לידעלע:
זום, זים, זום,—
סע הוידעט זיך די בלום...

ציף, ציף, ציף,—
פויגל שפּילט מיט שנאָבעלע,
ווי אַ דינינק פלייטעלע,
שפּילט דעם קווייט, דעם קנאָבעלע:
ציף ציף, ציף,—
דער הימל אזוי טיף!..

אין גאָרטן

בּרוין־געבּרענט, בּרוין־געבּרענט,—
שאַרפע פענעמלעך און הענט.
קינדער אַרבּעטן אין גאָרטן,
דאָ,
דאָרטן.

דאָ,
דאָרטן, אומעטום,—
גייען קינדערלעך ארום,
שטייען קינדערלעך געבּויגן,
אַלץ וואָס פארטיק, גיראָבּט מען אויס:
זעט, די בּורעקעס, ווי גרויס,
ציבּל, קנאָבּל,—גאַנצע סטויגן.
און מע פאָרעט זיך בּאַם כריין...

כ'האָב אַ קאַפּעלע פּאַרשפּעטיקט,
ליגט מיין לאפּעטקע אַליין...

באם טייכל

— כליופ, כליופ, וואסערל,
ביסט אזוי באַשטראלט,
נאַ דיר אָט אַ פיסעלע,
אַ! ביסט קאלט!

„— כליופ· כליופ, כליופ:
סע דאכט זיך דיר·
כליופ, כליופ, כליופ:
שפיל מיט מיר״.

— היי זשע, טייכעלע,
מאכסטו שטיק!
טוסט א קושעלע,
לויפסט צוריק·

„— כליופ, כליופ, כליופ,—
גיכער שוין!״
— א! ביסט קאלט!
כ׳וויל ניט, אוי!

נעפל

אוי, וואו איז די קו שויי ווידער?
שווערער נעפל נידערט, נידערט.
שווערער נעפל דעקט די ערד.
מאני, קו דו, קום אַהער!

נעפל, נעפל, וואָלקן ווייסער,
אויס, ניטאָ קיין טייך, קיין הייזער.
אלץ צעגייט אין ווייסן רויך,
נאָך אַ ווייל צעגיי איך אויך.

נאָר אַ בארג מיט קאָפּ א שמאָלן,
ווארפט דעם נעפל אין די טאָלן,
ווארפט דעם נעפל טיף אראָפּ,
און באַפרייט זיין הויכן קאָפּ.

העלער ווערט דער באַרג און לויטער,
בלאסלעך, ראָז און רויטלעך, רויטער.
און פון נעפל־טאָל שווימט צו
צו דעם באַרג דאָרט אונזער קו.

שפּאַנט אַף כּאַרג, צום קאָפּ, צום שמאָלן
און דער נעפּל לויפט פון טאָלן.
און די קו שפּאַנט אַלץ אַרויף,
איר אַנטקעגן זון גייט אויף!

שטאָט און דאָרף

פירט מען פון דאָרף
גרינס אין דער שטאָט. —
פירט מען צוריק
שטריקלעך און דראָט.

פירט מען אין שטאָט
קאָרן און פוטער. —
פירט מען צוריק
אַ פּאַרטיקן פוטער.

ווער נאָך אַ ראַדיאָ
פירט אַף צוריק, —
וועט מען שוין הערן
געזאַנג און מוזיק.

וועט מען שוין וויסן,
וואָס טוט זיך אין שטאָט,
וואָס פירט מען אהין,
און וואָס ברענגט מען צוריק!

סע בראָט און ברענט,
די ריטשקע אויסגעטרוקנט ביזן שפּענט.
פריידל האט זיך פיינט צו בראָטן,
זוכט זי שאָטן.
פּע! — אַ זון!
בראָט דעם רוקן,
ס׳נעזל טריקנט, —
ניט אין אויגן איר צו קוקן,
ניט מע קאָן איר עפּעס טון!
אָט איז קאָטער!
זאָג, ווי מיינסטו: —
ווען מע נעמט זיך אלע איניינעם,
קעץ און הינט פון אלע שכיינעם
אַף דער זון,
און זי נויטן:
זאָל נאָר גלעטן,
זאָל נאָר וואַרעמען די שוועל.
ניט מיט היץ די קעפּ אונז פּלעטן,
און אונז סאַרפּענען די פעל!

נאָר בּיסט איין אליין דאָ — עט.
און דער הונט, ער פּאָפּט, בּוקעט!
פּאַכט מיט זייטן, בּאָמבּלט צונג.
קליין איז הונט אַזאַ, אַ יונג, —
זיך אַ יאָג טון איבּער הויפן: —
קאָטערס, קעץ, און קעץ און קינדער,
הינט און הינטעלעך נאָך בּלינדע —
אלעמען צונויפצורופן —
אַז מע זאָל דאָך עפּעס טון
קעגן זון!
עך, בּוקעט, אַ הונט געמיינער!
דו נאָר קאָטער, דו בּיסט איינער.
א?..
גייסט זיך גאָר אַ דרימל טון?!

דערווייל אַליין, די קליינע פריידל,
פייפט פון שלאָף שוין — ווי אַ פלייטל...
שאַ...

סאָף זומער

— קרא־קרא —
ס׳פּוילט דער מאָן.
קראַקען קראען
אין א קאָן.

קוואַקען זשאַבּעס
אַף דעם בּרעג:
— קוואָ־קוואַ —
לעצטע טעג.

— מע־מע —
צאָפן בּלאָזט.
מעקן לעמער
אַף דעם גראָז.

קרייען העגער,
קליין און גרויס:
— קרי־קו —
זומער אויס!

ערשטער אָסיען-טאג

לעצטע זומער-טעג,
איינער פון צווייטן שענער.
ליכטיקער דרויסן,
פיסעלעך בלויזע.
טעג —
ווי זוניקע הענער.

הינדעלעך האלטן זיך,
נעבן דער קוואָקע —
שאָען, די שיינע,
שפרינגען און אָקען.
איבער די גאסן,
איבער דעם ליקל
שפרינגען זיי דורך
דאָס שמאָלינקע בריקל.

בינדן זיך טעג
וואַרעמע, ווייסע.
בינדן זיך טעג
מיט זון ווי מיט בענדלעך.
הינדעלעך, הענדלעך...
הינדעלעך, הענדלעך...

אָבער אַ נאַכט,
אַ נאַכט אַ שווערע.
קומט אַזאַ נאַכט,
און לאָזט זיך הערן.

קומט אזא נאַכט,
מיט ראַש און קויעך,
פאַלט אָן די נאַכט,
און שפאלט דעם מויעך.

פאַלט אָן די נאַכט,
ווי כאָפּטעס רויבערס,
שפּילט און קנאַלט
און קראכט און דרויבערט

הירזשען די בוימער,
רויבער, פערד.
קרעכצט די ערד.

אַף מאָרגן דער דרויסן,
געבראָכן, א קלאָג.
דער אָנהויב פון אָסיען, —
ערשטער טאָג.

גאנצפרי

האסטיק, לאסטיק, —
צי זיך אויס,
טו זיך אָן באלד,
גיי אַרויס!

ווייל דער טאָג דאָך
האלט שוין ווייט,
טאנצט און פילדערט
שוין אַ צייט.

שוין דער פאַסטוך
בא די פי,
זון בא בערגלעך
אַף די קני.

טוי אַף בלומען
פונם סאָד,
הימל — בלאָ איז
גרויסע ראָד.

שול שוין אָפּן,
טויער, טיר,
און דיין כאווער
וואַרט אַף דיר.

קאָמונע

מיר, אַ טייל אין וואלד אריין,
זיי, אַ טייל אין קיך אַריין,
— האלץ וועט זיין!
— זופּ וועט זיין!
אלע מיר צום טיש גלייך פּיין,
וועלן מיר עסן זופּ געשמאַקן
אַף ביידע באַקן.

אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען,
צוגעקליבן, — אלע זינגען.
ווער אין ראָד, ווער צום בוך,
ווער צום ווארשטאט,
שער און טוך. —
פריילעך טוענדיק מיט לוסט,
יעדער, וואָס זיין הערצל גלוסט.

אויבּ דער טאָג איז לעבּעדיק, —
איז דער אָוונט שלעפעריק,
שלעפעריק... שלעפעריק...

אָסיען

זיך צוגעגרייט שוין ציבעלעס,
און בורעקעס, קאַרטאָפל.
דער פּעטער טוט די שטיוול אָן
און טוט אויס די פּאַנטאָפל.

דער פּעטער גרייט דעם וואָגן צו
אַף שליאָטעס און אַף בלאָטעס,
די מומע לייגט אַף טולופּלעך
שוין נייע, גוטע לאַטעס.

און סירקע־הונט גייט אום אַזוי,
מיט אויסגעשמירטע לאַפּעס;
דאָס הינדעלע — אַ סטאַטיקל,
כאַטש נעם עס און כאָטש כאַפּ עס!

און אַלע רעדן ווייניקער,
(זיי קאָנען ווערן שטומע!)
דער פּעטער אַרבעט שווייגנדיק,
אַפילע אויך די מומע!

די פֿויגלען שטייען אָנגענעצט,
און פֿורקען אַף די פּלויטן,
אך!
באַ אלע בוימעלעך
שיילן זיך די הויטן.

טראַמוואַי אין פאָרשטאָט

ע', באַ אונז אין פאָרשטאָט, —
גייט שוין אַ טראַמוואַי!
טראַי־לאַי־לאַראַי!

ערשט אין שמוץ געשליאָפּעט,
פאַרסאָפּעט ווי אַ הונט.
איצט פאַר די שיכלעך
אַוואדע אומגעזונט!

אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן,
טראָגט זיך דער טראַמוואַי. —
טראַי־לאַ־לאַראַי!

גלייך צו די זאַוואָדן,
די אַרבעטער ער ברענגט.
אַף די קליינע געסלעך
קלינג־געקלאַנג צעהענגט!

ע', באַ אונז אין פאָרשטאָט, —
גייט שוין אַ טראַמוואַי!
טראַי־לאַי־לאַראַי!

אין באָד

סע גייט שוין צו ווינטער, —
אַ קריך און אַ קראָך. —
פאַריכט מען די סטריכעס
דעם בראָך און דעם לאָך.

פארבינדט מען אַף ווינטער
די בוימלעך אין סאָד.
און ס׳גלוסט זיך אַ גיי טאָן,
זיך פאַרען אין באָד.

סע היצן די קעסלען,
סע בראָט און סע ברענט:
סע ברענען די לייבער,
סע ברומען די קרענט.

מע קרעכצט אַף די שוויץ־בענק,
די שעפלעך: סטוק־סטוק.
די בעזעמלעך בריען
און פרעסן די רוקנס.

עס לעבּן זיך שכיינים:
אַ קראַנט בּאַ אַ קראַנט, —
ס'איז איינער ווי פייער,
דער צווייטער איז קאַלט.

זיי מישן זיך ביידע
אין שעפּעלעך אויס
און פליסן, און שטראָמען
אַף קליין און אַף גרויס.

ווערט יונגער, ווערט פרישער
אויס אָסיען, אויס אָל,
דער פויער ער נעמט שוין
דאָס בּוך ווען־אַמאָל.

און גרונטעווען וויל ער
און דרינגען צום גרונט, —
זיין מויעך — אַן אַקער:
איז קלאָר און געזונט.

פיאנערן

אלע גוטע קינדער ווערן,
(אלע קינדער זיינען גוט)
אלע ווערן פּיאָנערן,
פּיאָנערן אלע גוט.

סערפּ און האמער, פאָן און שטערן,
איבער דערפער, איבער שטעט. —
לעבינער באַ לענין שווערן:
זיין פאר לענין שטענדיק גרייט!

— שטענדיק גרייט מיט פאָן און שטערן,
אנהויבן, — מיר הויבן אָן:
איבער גרענעצן און ערדן, —
הויבן אויף די רויטע פאָן!

קאץ און מויז

נעבן דער נאָרע שטייט די קאַץ,
מיטן פיסעלע: ראַץ, ראַץ, ראַץ.
וואַרט אפן מייזעלע,
קוקט אינם הייזעלע —
גיי שוי גיי, — אַוועק פון דאַן! —
מייזעלע ווייסט סע שטייט די קאַץ.

נאַ דיר, קעצעלע, ברויט מיט קעז,
אפן מייזעלע זיי ניט בייז.
וואוינט אין הייזעלע
שטילינק מייזעלע.
נאַ, נאַ, נאַ, ברויט מיט קעז:
מייזעלע ווייסט, אַז דו ביסט בייז.

גייט דאָס קעצעלע אַזוי אַוועק.
מיטן צינגעלע: לעק, לעק, לעק.
מיטן לאַפּקעלע: ראַץ, ראַץ, ראַץ,
קומט דאָס מייזעלע,
פון דעם הייזעלע.
כאַפּ! — ס'מייזעלע ווערט געכאַפּט פון קאַץ.

כאָלעם

מיר אז א כאָלעמל,
כאָלעמט זיך אום,
וועק איך זיך אוף
און קוק זיך ארום.

א כאָלעם א גוטער —
א כאָלעם איז בלויז!
איז כאָלעם א שלעכטער,
לאַך איך זיך אויס.

אַראָפּ פון געלעגער,
די וואַסער איז פריש.
סע כיינדלט און שיינט,
די טיי אַפן טיש.

און פריש איז די לופט.
א פייגעלע רופט.
כ׳האב עס אליין אלץ אויסגעפּרואווט!

רויטע אַרמיי

רויט־אַרמייער, באָלשעוויק, —
פירט מילכאָמע קעגן קריג.
פירט מילכאָמע, פירט מילכאָמע,
מיט בורזשוי און בירזשעוויק.
פירט מילכאָמע, פירט מילכאָמע,
פירט צום גרויסן זיג.

ליד און בוך, ביקס און ברוסט, —
גאָר די וועלט באַפרייט זיין מוז!

רויט־אַרמייער, באָלשעוויק,
קעמפט פאַר פראָלעטאַריש גליק.
פירט מילכאָמע, פירט מילכאָמע,
פאַר די קינדערס פרייען בליק.
פירט מילכאָמע, פירט מילכאָמע,
פירט צום גרויסן זיג.

ליד און בוך, ביקס און ברוסט, —
גאר די וועלט באַפרייט זיין מוז!

טראַמוואַי

טראַם־טראַם־טראַמוואַי,
זיי דאָך שטילער, שטילער שריי.
נעם אונז אויף און טראָג אונז אום
אַף דער גאַנצער שטאָט אַרום.

— גיב, קאַנדוקטאָר, אַ בילעט!
און דעם אויסגאָב באַלד איך בעט,
ווייל באַם קלוב, וואו שטעלסט זיך אָפּ,
דאָרטן גייען מיר אַראָפּ.

זע, קאַנדוקטאָר, פירער, זע,
דעם מאָטאָר נאָר ריכטיק דריי.
האָסט אַזעלכע שווערע שיך,
אַז דו ריירסט זיך קוים מיט זיי.

וואו מע דאַרף דאָרט שטעל זיך אָפּ,
אַלטע מענשן העלף אַראָפּ,
קליינע קינדער העלף אַרויף,
טו אַ קלינג און ווייטער לויף!

די פליג

די שפּענדלעך אינם אויוון
פלאַקערן געשמאַק,
ס׳פּייער, ווי אַ כּאַיע,
כראָמטשעט זיי און קנאַקט.

אינדרויסן פאַר די פענצטער
דרייט זיך פראָסט ארומעט,
אריינגיין האט ער מוירע,—
אז דאָס פייער ברומט דאָרט.

אַז דאָס פייער פייערט,
פונם פראָסט סע לאכט...
אוי, אָן דאָרט אין ווינקל
שטייט א פליג פארשמאַכט.

שטייט אַ פליג פארמאטערט,
פליגעלעך צעריבן.
ווינטערן דעם ווינטער
איז זי דאָ פאַרבליבן.

אין צימער איז ניט זומער,
אינדרויסן איז עק וועלט!
שטייט די פליג פֿאַרגליווערט,
גייט שיר אויס פֿון קעלט.

אוי, מיין פליגעלע, אוי, מיינס! —
כ׳האָב פֿאַר דיר אַ ליכטיק נייס:

אונטער בערג און אונטער טאָלן,
באַ די אלדע גוטע יאָרן
וואַקסן ווינטן קליין און גרויס,
וואַקסן זומער־ווינטן אויס!

צו דער צייט זיי וועלן קומען,
מיט אַ פייפן, מיט אַ ברומען
אַף די פֿרעסט און אַף די שנייען,
און צעיאָגן זיי, צעדרייען.

און נאָך אנדערע וועלן קומען,
און צעבלאָזן זון און בלומען,
איבער וועגן, פֿענצטער, טיר. —
איך מיט דיר ארויס אין דרויסן,
אפֿן יאָנטעוו, אפֿן גרויסן, —
מיר די ערשטע אַף שפּאַציר!

אַרבעטלאז

מישע הייסט ער, מישע לאַק.
האט מיט אים געטראָפן:
איז פון דראַטש אַנטלאָפן, —
אַף א וואָגן אין א זאַק.

טראַך־טראַך — אַף די הרודעס
שיר די ביינדלעך אים צעטראָגט. —
וויל ער ניט אין דראטש בא דודען
קוועטשן אייל אַ גאנצן טאָג!

יאָרן דריי געאַרבעט שווער,
אלט איז צען אינגאַנצן. —
זעכצן שאָ מוז טאַנצן
באַ דער קאָרבע הין און הער.

וואַרט, ווארט, דודע שיקער,
ער פארגעסט דיך ניט, אָ, ניין!
אַרבעט קריג איך באַ די בריקן,
און אז ניין, איז ווייטער גיין...

וויסן וויל ער איינס:
מוז ער דרייען דראטשן?
מוז מען אים דען פּאַטשן?
ניין, ער וויל ניט. איינמאָל ניין!

טאָג, טעג. דארן ביינער.
דיקער דודע יאָגט אים נאָך:
וועט ער מוזן דא אף שטיינער
ליגן שטיל די גאנצע וואָך.

טריקנט ער און דארט.
אוי, אים קנייטשט דער הונגער,
הונגער פּרעסט די לונגען.
נאר ער האט זיך דאָך דערוואַרט! —

שטאָט, שטאָט, אַרבעטס־קרייזן,
האט ער זיך מיט זיי באַקענט —
און פון דעמאָלט איז ער פריי שוין
פון דעם דודעס פּעטע הענט!

אין זאָאָ־גאָרטן

לייבן און בערן,
ווילן ניט זעען, ווילן ניט הערן, —
שפּאַנען ארום און שפּאַנען ארום אין שטייג.
— וואָס שפּאַנט מען אלץ אַרום?
אַ מאַלפּע שטעלט אַ פייג,
און שפּרינגט פון צווייג צו צווייג.

— וואס־זשע רוען ניט די כאַיעס?
שפּאַנען אום פון גראַט צו גראַט,
עפּשער זיינען זיי ניט זאט?
עפּשער גיט מען ווינציק שפּייז?
— ניין, מע גיט זיי צו דער זעט.
— איז מען שלעכט צו זיי, אינקאַעס?
— ניין, מע וואָלט זיי נאָך געגלעט.

— וואָס־זשע זיינען זיי צעטראָגן
און נאָר געניצן און שווייגן,
און נאָר געניצן און גאָגן
און נאָר גיין די ענגע געגנג?

— ווייל זיי זיינען אין די שטייגן,
און א שטייג איז זיי צו ענג!

בּרוקירער

פריער גראָבּט מען
און מע גראָבּט,
נאָכדעם שטיינער
שפּאלט מען, שאָבּט,
און מע טעסעט,
טעסעט ריין,
און סע לייגט זיך
שטיין צו שטיין.
בּרוינע הענט
מיט האַמערס רייַנע,
קלאפּן אויס
אַ ליד אַף שטיינער:

קלינג־קלוינג־ציר!
קלינג־קלוינג־ציר! —
פּלאסטער ווערט
אַזוי בּרוקירט.

גייט דער פּלאסטער,
גייט און גייט,

ביז ער קומט
צו אנדערע שטעט, —
בינדט דער פלאסטער נאָכאַנאַנד
שטאָט מיט שטאָט
אין גאנצן לאַנד,
און ער גייט
נאָך ווייטער, ווייט:
שליסט איין לאנד
אין צווייטן איין.
רופט די אַרבעטער צום גאנג.
קלינג־קלוינג־קלאַנג!
קלינג־קלוינג־קלאנג!

טרעטן פעסט, טרעטן פעסט
פיאָנערן, —
ווער מיר שניי,
וואָס מיר פרעסט! —
און אָקטיאבערלעך אַפילע
קאָנען ניט פאַרבלאנדזשעט ווערן. —
טרעטן פעסט!
טרעטן פעסט!

אַרל און שוילקע

1.

שנעלער איינס, שנעלער צוויי —
שוילקע, ארל נאָך דער ריי,
פלינק,
טיפּ, טיפּ, טיפּעקל, —
הענטלעך, פּיסלעך ביזן פּיפּעקל!

קאָמסאָמאָל איז גאָר פון פאָרנט,
און פון פאָרנט אויך די כאָרן,
ראַדיעס ריידן גרויסע רייד —
מע פאַרשטייט זיי קלײנערהייט.

אַרלען גייט ערשט, נו, דאָס אכטע, —
ניין, נאָך ניט קיין פּיאָנער,
שוילקען קען מען שוין באַטראַכטן
ווי קימאַט אַ פּיאָנער.

אָך, ער יאָגט אין יאָרן, שוילקע,
אָט באלד קריגט ער אַ פּאַטשיילקע
און מע נעמט אים צו אין כאָר.

אַרל, פלינקער,— טופּ, טיפּעקל,
הענטלעך, פיסלעך ביזן פּיפּעקל,—
פלינק דעריאָגן שוילקעס יאָר!

2

נאָך די לידער, מאַרשן,— מיד.
שלעפּערט שוילקען, שלאָפן ציט,
וואַרפט ער זיך אַנידער.
ברענגט אַ ווינטל אים צום נאָז
פרישן אָוונט, פּאַרטיק גראָז,
דאַכט אים:
רישטייט שוין ווידער.

אים דאכט, ער נעמט אַ שטעקן, שוילקע,
אַפּן העלזל — די פּאַטשיילקע,
און ער שפּאַנט
איבער לאַנד.

שטעט, בולווארן, מיט פאבריקן,
קאָרן־דערפער בליען, קוויקן,
און ווי בלומען שטייען וואַך:—
ליכטיקע אָקטיאַבערלעך.

Montreal

— וועם באַוואכט איר, כעוורעלאָקעס?
צי די קוימענס, צי קאַבאַקעס?
— ווייסטו גאָרניט! עך, דו! —
שפּרינגט אַ יאטל פריילעך צו, —
ס'איז פאַריאָגט פון לעכער, דעכער,
גאט און די גאָטעכע!
היטן לאנד און שטייען וואך
ליכטיקע אָקטיאַבערלעך!

דאס יאר 1905

בין איך אַ קליינס נאָך, אַ קנאפּעלע,
נאָר פייערלעך טיאָכקען אין מיר, טיאָך.
בעט איך:
„פּאָטאפּ, פּאָטאפּעלע,
גיב פּראָקלאָמאַציעס אַ קאַפּעלע".

זאָגט ער:
„וועוויריקל, גיי,
ביסט אַ וועוויריקל נאָך".

אויב איך בין טאַקע אַ וועוויריקל,
שארף איך מײַנע ציינדלעך שאַרף!
קום איך:
„צייטל, צייטעלע,
גיב אַ פּעקל פארשפּרייטן מיר..."
זאָגט זי:
„אויגן אָפן,
צינגל שטום,
אויער שאַרף —
נאַ, צעוואָרף!.."

טאָג אין נעפּל.
אלץ אין וואַרעמען נעפּל.
ווער מיר שטיבלעך,
בּויג און בּערגלעך
און פּראַם!
פּארטיק מיט ציקאָריע, מיטן עפּל,
פּאק איך אין אַ קויש — פּאַפּירן־פּעקל,
פון אויבּן:
שטשאַוועל־גראָז און טעפּלעך,
און גיי מיר, גאָרניט,
גייט אַ אינגל זיך אַ טאם.

פאָרט דורך אַ פויער מיט אַ גאַרע היי,
א צווייטער:
מיט אַ פורל שטיינער,
אַ דריטער: פירט א הארצווייטיק און ביינער,
בּאַ איינעמס פּאַרקן
שטייט אַ זאק מיט שפּענער,
בּאַם צווייטן אונטער סטריכע
ליגט אין נעסט אַן איי.
זיינען אלע, גוט און ליבּ מיר,
גאנווע איך זיך שטיל צו אלע זיי,

און לייג אין זאַק,
אין נעסט,
אין היי
די ליבע בלעטלעך,
וואָס אין זיי געשריבן:
„ברידער,
כאַוויירים פון מי און נויט
גענוג געליטן!
גענוג געשטיקט!״

אין איין שיכל

זומער לויפט מען גרינג און באָרוועס,
זומער וואַקסט אין סעדער גיך.
ווינטער מוז מען אָנטאָן שיכלעך,—
ווי דען גליטשט מען זיך אָן שיך?

פעליקס איז בײַ אונז דער קלענסטער,
אַזאַ ליבּס אין קאָלעקטיוו!
נאָר איר ווייסט, ער האָט אַ טעווע,
אלץ צעווארפט ער:—ס׳אָנטאָן, שיך.

שטענדיק זוכט ער: „וואו מיין העמדל?
„ס׳גאַרטעלע, וואו איידאָס דען?
„דעזשורנע, כ׳האָב נאָר איינס אַ שיכל,
„האָסט דאָס דריטע ניט געזען?"

גייען פּיאָנערן־ רינגען,
איז ער אן אָקטיאבערל דאָך —
אַז דעם „דריטן" שוך געפינט ניט,
לויפט ער אינם איינעם נאָך!

פארן רינג־פירער מאַרשירט ער,
אויערלעך הערן גוט דעם טאַקט,
און מע פילט—סע וואַקסט אַ מאַזיק!—
טאַק, טאַק,
מיטן איינם שיכל קנאַקט!

שניי - טייבעלעך

שניי און שניי און שנייעלעך,
פּיצינקעלעך טייבעלעך,
פליען, פליען, זעצן זיך
אף דער גאָרער וועלט.

ווערט די וועלט אַ ווייסינקע,
פיל באַזעצט מיט טייבעלעך,
שניי און שניי און שנייעלעך,
פרישינקע ווי קעלט.

גיי איך — שפּרינגען טייבעלעך,
לויף איך — פליען טייבעלעך,
שניי און שניי און שנייעלעך, —
מיך פארדרייען זיי.
אוי, אַ שאָד צו רירן זיי!
אוי, אַ שאָד צעטרייבן זיי!
שטיי איך בעסער, ריר זיך ניט, —
ס'טוט מיר האַרציק וויי.

העפקער - קינד

מיר איז קאַלט.
אַלץ געפרוירן.
סע ווייעט און סע ברומט.
בוימער רייבן זיך די אויערן
און רייסן זיך פון אָרט:
„קומט! קומט!”

אַך, ערגעץ אַריין אונטער אַ אויוון,
נאָר סע האָוקען הינט אין אַלע הויפן.

וואָלט איך גאַנגען גליטשן זיך, —
האָב איך ניט קיין שליטל,
האָב איך ניט קיין היטל,
האָב איך ניט קיין שיך.

וואַרט איך.

שפּראַכן

יאשען־דאכט:
אלע זאַכעניש׳ן רעדן,
ס׳איז אַ לאָשן דאָ בּאַ יעדן.

אָט, מע עפנט אויף די טיר,
טוט זי בּאלד אַ סקריפּ אַף דיר:
„ריפּעט ריפּעט, כ׳האַלט ניט אויס.
ריין, רויס!.. ריין רויס..."

אָט, מע זעצט זיך אפן בּענקל,
טוט דאָס בּענקל זיך אַ קווענקל.
„גיי דיר גיי.—
גיי, ניט דריי!.."

נאָר פון אלעם רעדן שענער:
לעפל, מעסערס, שיסלען, טעלער.
מיט אַ ליארעם,
מיט אַ פרייד,—
זיינען אָנגעשטאָפּט מיט רייד!

נאָר דעם פּאַפּעס גאָפּל־מעסער,
שמועכן שטיל און ניט פון עסן. —
פון דער אַרבעט, פון פּאַרטיי,
פון פאַרזאַמלונג ריידן זיי.

און דער מאַמעס פלינקער גאָפּל,
שפּרינגט ארומעט: „האָפּל, האָפּל, —
„קינדער, עסט נאָר ריין און שיין,
וועלן מיר היינט אין קינאָ גיין.
אין קינאָ גיין, — האָפּל, האָפּל".

כאַזערט איבער יאשעס גאָפּל:
„קינאָ גיין, — אָט אַ פרייד!"
און דער גאָפּל — שטילערהייט:
„אַי, דו יאַשע, זאָג מיר, יאַשע:
פאַרן עסן זיך געוואַשן?
אַי, דו, יאַשע, אַי, דו נאַשער...
אַי, ניט פיין... אי, ניט שיין..."

טראַכט זיך יאַשע: „נעמסט שוין טאַינען?
מיט דעם שיינעם לאָשן דיינעם,
מיט די לאַנגע דיינע ציין?"
און ער טוט אַ הויב דעם גאָפּל
און אַ שטעק אים אינם כריין!

שענסטער נאָמען

איז העכער פון בערג,
און העלער פון לויטערע שטראָמען, —
דער ליכטיקער נאָמען.

דער ליכטיקער נאָמען,
ער פלאַקערט און פירט אונז אין קריג,
און פירט אונז צום זיכערן זיג.

בּאַ וועמען סע שיינט
מיט ליכט די שפּראַך, און אויגן ברענען, —
דער ווייסט פונם נאָמען,
דעם ווייסט אים,
דער קען אים.

דער ווייסט,
אַז דער נאָמען דער שענסטער איז לענין!

פרילינג

איצטער זעט דאָס ליכטיק מאַזל,
קוקט נאָר, קינדער, וואָס איך ווייז:
אין דעם סעדל שפּראָצן בלעטלעך,
אף דעם טייכל גייט דאָס אייז.

אף דעם אייז דער ווינטער, נעבעך,
פאָרט שוין רייטנדיק אַוועק.
זון און פעלדער ניי געבוירן!
פליגלעך, פויגלעך,— זומער־שלעק!

מאַמעס רייניקן די הייזער,
און דעם דרויסן רייניקט זון,
לאָמיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן,
לאָמיר אויכעט עפּעס טון.

נו, געשלאָסן גיך דאָס רעדל.
נו, געהיפּעט גיך דעם קאָן!
היידאַ, היידאַ, כעוורע, גיכער,
היידאַ, פרילינג הויבט זיך אָן!

מאי

אַ גוט מאָרגן, קינדערלעך!
נעמט מיך אויכעט מיט.
גרעניצן צעבּינדן זיך,
און מע הערט שוין טריט.
אָט אַף אלע וועגן,
שפּאנט דער מאי אַנקעגן!

הערט נאָר גוט זיך איין:
עפּשער ווערט שוין פריי —
אַרבּעטער פון ענגלאַנד,
פראַנקרייך און קיטאַי.
אַרבּעטער פון דייטשלאַנד,
אינדיען און אַמעריקע,
יאַפּאן און טערקיי,
זיי אין אַלע היימען
גיין מיט אונז אינאיינעם —
היינט איז אונזער מאַי!

פאר אלע הונגעריקע
דערשלאגענע פארקנעכטעטע

רינג אין רינג

ליאָם און פּעטריק

— פּעטריק, פּעטריק, קום אינײנעם,
לאָמיר זײן שױן גוטע שכײנים,
בלאָז זיך ניט, איך זאָג דיר צו:
דײנע ציבעלקעס ניט פּליקן.
בלאָז־זשע זיך ניט, פּעטריק, נו?
— גוט, איז גוט, און איך זאָג צו:
דײנע טײבעלעך ניט שטיקן.
— און וואָס נאָך?
— גאַנצע וואָך
ניט אין נעסט אַרײנצובליקן.
— דו וואָס נאָך?
— אַז די ריטשקע פאַר דער שטוב
גראָב איך ניט צו אײער גרוב.
פּעטריק, כ׳שווער!
— און איך זאָג צו, אַז אומגעפרעגט
נעם איך ניט, און נאָר איך פרעג:
גיסט די זעג? גיסט די שער?
גיסט דעם וואַטערפּאַס? דעם קלעמער?
מעג מען אױך דעם נײעם עמער?

אָט אזוי, נאָר איך פרעג.
— פּעטריק, גוט, זייער גוט: —
ניט אליין זיך נעמען סטאַם,
קום און זאָג מיר: גיבּ מיר, ליאַם!
גיבּ איך, פּעטריק, די מינוט!
— שווער איך דיר בּא וואָס די ווילסט,
בּא מיין סוויטקעלע פון פילץ;
בּא דעם נייעם רעגן!..
— איך שווער אויך
בּא וואָס דו ווילסט,
זאָל מיין טויבּ זיך אזוי לייגן,
כ׳זאָל זוי זיין א פּיאָנער.
— איך אויך אזוי!
איך שווער.

אט-אָ גייט א רעגן!

גיכער, כעוורע,
לויפט צום גרוב,
און פאַרשטעלט די וועגן!
גיכער, כעוורע,
בלאָטע, זאַמד.
אָט־אָ גייט אַ רעגן!

לויפט אַהער,
אריין אין גרוב,
א נעם טון זיך צום שפילן.—
לאָמיר מאַכן בריקן גיך,
און לאָמיר שטעלן מילן!

ריטשקעס

מארש אראָפּ די שיך און זאָקן!
ריטשקעס, ריטשקעס אָן א שיר!
לאָזט די קעסטעלעך און שפּענדלעך
און די שיפּלעך פון פּאַפּיר.

העכער קני פּארוקט די הויזלעך,
מיט די ריטשקעס לויפן גלייך!
— ווער וועט שפּאנען זיך אין פּערדלעך?
ווער וועט גיכער זיין באם טייך?

— איך האב לאנגע רויטע צוימלעך!
— איך האָב גיכע הוילע פיס!
— נו, געשפּאנט זיך גיך אין נאשפּיק!
מיט אמאָל, נו טוט א ריס!

— פּררר! ניט פליוסקעט אזוי, פערדלעך,
פּררר! ניט פליוסקעט זאָג איך אייך!
— אך!—געבריקעוועט אין נא׳שפּיק,
און די ערשטע מיר באם טייך!

פון זאמד

דער לאכנדיקער באבעלען

אלע זאמדן נעמט אהער,
מיט דער האנט און פוס א קער.
לאָמיר אויפשטעלן א הויז
און א סעדל מיט א רויז.
און א גרויסן פארק ארום,
וועכטער שטעלן אומעטום.
האָט מען זאמדן, זאמדן פיל,
קען מען מאכן וואָס מע וויל.

ווילט איר פעלדער? — נאט אייך, זעט!
און א וועלדל נעבן שטעט.
און א פויער הויבט א האק,
מיט קארטאָפליעס שטייט א זאק.
אָט א לאָשעק, אָט אַ ציג.
און א קעצל אין א וויג.
אין א קוי פליט אפן דאך,
לייגט אן איי... ניין, איך לאך...
ווייסט איר פון וואָס אלעס שטאמט?
נאָר פון פראָסטן, פייכטן זאמד!

צו גאסט

ניאָ, וויאָ, פערדל,
העץ, העץ, פירל,—
גיכער אינם וואַלד אריין,
צו דער באָבע מירל!

דאָרטן וואקסן דעמביעס,
שוועמעלעך און גראָזן,
דאָרט,— אַזעלכע פויגלען
מיט אזעלכע נאָזן!

בא די גרויסע דעמביעס,
שפּאַנט ארום די באָבע,
ווי א קליינינק הינדעלע,
הינדעלע אַ ראָבע.

נאָר זי האָט דען מוירע?
דאָרט ניטאָ קיין כאַיעס!
כאַיעס עסן קעסט אין שטאָט,—
עסן פלייש און קלייען...

דאָ איז אין די וועלדער
כאיעלעך נאָר קליינע.
מיט דער באַבען איז מען
גאַנצע גוטע שכיינים.

ס'פּוקכל צו דער באַבען,
קומט אמאָל אף פּראקעס.
מוז מען שוין פארבעטן
אויך א פּאָר איזשאַקעס.

אָפּגעווישט די וואָנסן,
אויסגעלעקט די שיסל,
בלייַבט מען פאַר גרויס פריינדשאַפט
זיצן נאָך אביסל.

און אַז איך בין דאָ דאָרט,
העלף קאבאקעס שיילן,—
האָט די באַבע מאיסעכ,
מאיסעס צו דערציילן.

שיקט מיך באַלד צום ברונעם,
אין עמער איז א לעכל,
ריר איך אָן דאָס וואסערל,
רעדלט עס און שמייכלט

— באבע ס׳רינט דער עמער! —
שריי איך. הער איך זאָגן:
— „ווען ס׳א גאַנצער עמער,
ווי וואָלסטו דערטראָגן?"

גיט זי הייסע פּראַקעס,
האַלט איך אין איין בלאָזן,
גיי איך זוכן לעכער,
וואו סע וואוינען האָזן!

ניאָ, וויאָ, פערדל,
העץ, העץ, פירל,—
גיכער אינם וואַלד אריין,
צו דער באַבע מירל!

ניסעלעך

ניסעלעך גרויסינקע,
ניסעלעך קלייניגקע,
ניסעלעך פיל.
נעם איך א ברעטעלע,
נעם איך א קייקעלע,
פיר איך א שפיל.

טרעפט ניט דאָס קייקעלע,
שטעל איך די ניסעלעך,
שטעל איך אוועק.
טרעפט ניט דאָס קייקעלע,
וואקסט זיך דאָס שורעלע,
וואקסט אָן אן עק.

איז דאָך מיין קייקעלע
גלאטיק און קיילעכיק,
לויפט דאָס גאלאָפּ.
לויפט דאָס פון ברעטעלע,
לויפט דאָס צום שורעלע,
טרעפט דאָס אין קאָפּ.

נעם איך די ניסעלעך,
גרויסינקע, קליינינקע,
אלע ביז איינס.
בלייבט נאָר דאָס ברעטעלע,
בלייבט נאָר דאָס קייקעלע,
בלייבט נאָר דאָס קליינס.

טיק - טאַק

טיק־טאַק, העמערל,
מאַכן מיר אַ קעמערל,
ווענטלעך פון אַ בלעכעלע,
פון קאַבאַק — אַ דעכעלע.
טירן, פענסטער, טשערבענע
און פון בלעטער ווערבענע.

פירט אַ פֿויער דורך אַ קו:
— ווער וועט, כעוורע, וואוינען דאָ?
— אוי, ניט דו, ניט דיין קו,
ווען, פעטער, וואוינען דאָ.

פירט אַ צווייטער אַ מאַשין:
— ווער וועט, כעוורע, וואוינען דאָ?
— אוי, ניט דו, ניט מאַשין,
ווען, פעטער, וואוינען דרין.

פירט אַ דריטער דורך אַ פֿלוג:
— וואָס וועט שטייען דאָרטן, זאָגט?
— אוי, ניט דו, ניט דיין פֿלוג,
ווען, פעטער, שטייען דאָ.

אָט, פון דאָרטן, זעט און הערט,—
פליט אַ רייטער אַף זיין פערד.
לייב צו לייב און קאָפּ צו קאָפּ,—
פליט ער צו און שטעלט זיך אָפּ.
— כעוורע, עי, וואָס איז עס דאָ?
— אונזער קוזניע, איז עס דאָ!
— כעוורע, קאָוועט מיר מיין פערד!
— שפּרינג אַראָפּ נאָר אף דער ערד!
— כעוורע, ע, איר אַיעט מיך...
— אונזער קוזניע קאָוועט גיך!
פייער, האמער, בלאָזאק—בלאָז!—
נו, הויב אויף דעם פערד די פוס!

שעפן פאָרן!

(זיך פּאַרעדט . . .)

אז געפאָרן — איז געפאָרן! —
ניאָ, וויאָ, הינטעלאַקעס!
איבער שטיין און איבער דאָרן,
איבער אויסגעדרייטן האָרן,
און אריבער די קאַבאַקעס!

ברודערל און שוועסטערל
זיינען שעפן גוטע.
איבער זשוקלעך, איבער גראָזן,
איבער מערעשקעס און האָזן,
זיינען שעפן גוטע.

ברודערל און שוועסטערל
צום שעפירן פאָרן.
זי האלט אים באַם פלידערל,
ער קלאַפּט מיט די שפּאָרן.
זי שלעפּט מיט א פערדעלע
אף א רויטינק שנירל,
ער — א קליינינק שפּיגעלע,
א קייטל צו א טירל.

אַלץ מאַטאָנעס שײנינקע,
פאַר די קינדער קלײנינקע:
זיבעטלעך און נײַנטלעך.

— זײַט איר טאַקע פרײַנטלעך?
— אַוואַדע,— שמײכלט ברודערל,—
גליד־גליד־גלידערלעך!
— אוואַדע,— שמײכלט שוועסטערל,—
גליד־גליד־שוועסטערלעך!

דורך דער באַבען,
דורכן זײדן,
אַלע אײנײנעם,
דרײַ מיט בײדן,
פעטער אַבע,
מומע גיטלס עלטער־זײדן,—
האָט געהאַט אזא מין שטעקן,
אַף דער שאַפע איז געלעגן,—
אַז מע פלעג אַ קנאָפּ אַ דריק טאָן,
פלעג פון שאַפע אראָפּ דער שטעקן,
מישן ביכער,
טאַבאַק שמעקן,
און אין שטוב ארומגעגאַנגען,—
אָט אַ שטעקן!

לענין

הוידא, צווייגעלע!

הוידאַ, צווייגעלע,
איך בין היינט דיין פויגעלע!
טרילי, טרילי —
כ'וויל מיט פערדל היינט ניט שפּילן,
און וויל ניט מיט באַשקעלען,
און וויל ניט קיין קאשקעלע! —
איך בין היינט אַ פויגעלע,
הוידאַ, הוידאַ, צווייגעלע!

א קאָלעקטיוו

אפן פעלד בּאַ אונזער קאָרן,
טאַקע בּאלד בּאַם קרומען ריוו,—
האָבּ איך זיך מיט מיינע ביקלעך,
דאָרט געמאַכט אַ קאָלעקטיוו!

זאָלט איר זען אונזער אקער—
אָך, אַן אקער!—מעסערס צוויי!
בּיקלעך שפּאַנען זיך ווי אָקסן!
זאָלט איר זען—שלעפּן זיי!

שניידט דער אַקער גאָרטן-שטיקער,
שטיקער גאָרטן קרעכצן: אָך!
נאָר מיר קוקן זיך ניט אום גאָר
און מיר שניידן ווייטער נאָך!

בּיז די זון אזוי פּאַרגייט זיך,
און איך טו א פּאָר ארויס!—
א פּארענדיק מיט אַ פרענזל,
א צעאַקער בּיז צום הויז!

אויסגעשפּאַנט שוין מיינע אָקסן,
כ'שטעל דעם אַקער גוט אוועק.
איינס אַ ביקעלע באשמעקט זיך,
ס'צווייטע פּאָכקעט מיטן עק.

און מיין גאָרטן טרינקט די טויען,
כלעפּטשעט רעגנס, — מאַכט זיך ברייט.
און ער זאָגט מיר צו מעציעס,
נאָר אבי: „פּארזייט! פּארזייט!"

פיר איך צו אַ היטל-שליטל
פול מיט קערלעך און צעשיט.
וואַרט איך לאנג און איך דערווארט זיך:
ס'האָט מיין גאָרטן זיך צעבליט!

מיין ליוסי

סאי דער טאַטע, סאי די מאַמע,
צו דער אַרבעט שוין אװעק.
איז געבליבן איך און ליוסי,—
איז נאָך ליוסי גאָר אַ שנעק.

װאָס איך טו נאָר, שלאָגט זי איבער,
ארבעט האָב איך דאָך אַ גװאַלד:
נאָך פארענדיקן דאָס װעגל,
און צו פאָרן נאָך אין װאַלד.

ס'איז מיין פערד נאָך אָן א פיכל,
הינקט ער, נעבעך, מיין פערדאַטש.
נאָך אָן רינגעלעך דאָס צוימל,
און אָן סמאָלע נאָך די בייטש.

נאָר מיין ליוסי שטערט די ארבעט,
רייסט פון הענט מיר דאָס געצייג,—
בין איך טאַקע װי געפּענטעט,
װי א פויגל אין אַ שטייג.

— „ליוסי, ליוסי, נאַ אַ גלעקל!
נא א קעסטעלע מיט קנעפּ!
קוק, עס ווייגט דיין שיינע ליאַלקע,—
איז געפאַלן אַף די טרעפּ".

שפּילט זיך ליוסי, שפּילט אַביסל,
איך פאַרענדיק דאָ מיין שפּאַן.
שוין דאָס פערד געצוימט אין וועגל,
און דאָס בייטשל אויך פאראן.

— „איצטער, ליוסי, קום זיך זעצן,
קריך אין וועגל אָט־אָ־דאָ!
וויאָ! אין שטאָט צו טאַטע־מאַמע!
היידאַ, וויאָ! היידאַ, וויאָ!"

פּייפּעלעך

ווער ווייסט,
ווי מאַכט מען פּייפּעלעך?
איך ווייס ווי מאַכט מען פּייפּעלעך!

אינם גראָבן וואַקסט אַ דאָרן,
איז ער דאַר און הויל געוואָרן,
רייסט מען אים ארויס,
שניידט מען לעכלעך אויס.

פּייפּט מען,
פּייפּט מען,
פּייפּט מען לאַנג,
ביז סע גייט ארויס אַ קלאַנג.
קלאַנג אַ דינער ווי אַ שטרוי
ווערט דאָס פּייפּעלע אזוי.

שפּיל איך
טיורל
טיורל
ריל.

קומט צופליען באַלד אַ גריל,
זעט ער, אַז ס'איז ניט קיין גריל,
אז ס'איז גאָר אַ פייפל-שפּיל,
פליט ער באַלד אוועק צוריק!

קומט צופליען באלד אַ מיק,
אַפן פייפל הין און הער,
בויגט דאָס קעפּל צו און הערט,
נאָר פארשטייט עס דען מוזיק?
פליט עס אויך אַוועק צוריק!

נאָר סע הערן עס די קינדער,
קומען זיי מיט אַ געפּילדער,
— פייפעלעך, אוי, פייפעלעך!

יעדער רייסט אַ דאָרן.
יעדער פייפט און בלאָזט.
איז אזוינס געוואָרן! —
ציטערט אזש דאָס גראָז!

דאס פֿידעלע

אַ זייטל פֿון אַ קעסטעלע,
און פֿעדעמער פֿון שטריק,—
מאַך איך מיר אַ פֿידעלע,
מאַך איך אַן אַנטיק.

אַ צווייגל פֿון אַ בוימעלע,
לאַנגע האָר פֿון פֿערד,—
צי איך אָן אַ סמיטשיקל
און צעשפּיל זיך, הערט!..

די בין בלייבט שטיל און זומזעט ניט,
די קאַץ פֿאַרייסט דעם קאָפּ,
סע לאָזן זיך די לאָשעקלעך
אַוועק אין אַ גאַלאָפּ.

די הון פֿאַרגעסט די הינדעלעך
און הערט זיך צו מיר איין.
— פֿאַרגעס ניט, הון, די הינדעלעך,
זיי וועלן אין טאָפּ אַריין!

סע שפּילט, סע שפּילט מיין פּידעלע,
טראַי־לי, טראַי־לי, טראַי־לאַי!
דריי פּיקערס אַפן קאַרשן־בוים
טשיריקען צו דערבײַ.

דריי פּיקערס אַפן קאַרשן־בוים
מיט העלזעלעך פון אַש.
סע טוט א פּאַך א ווײַדעלע,
פאלט אראָפּ אַ קאַרש.

נאָר קיינער דאַרף קיין קאַרשן ניט,
מע הערט דאָך מיין מוזיק,—
יעדער וויל דאָס פּידעלע
אַ צי טאָן מיטן סמיק!

טראַי-לי, טראַי-לאַי, מיין פּידעלע,
טראַי־לי און שוין, אן עק.—
סע רופט די הון די הינדעלעך,
די פּיקערס — אויך אוועק!

טײַבעלע

טײַבעלע טראָגט װאַסער
אין עמערל
אַ שײַנעם.
— װאָס זשע װאַקסט דאָרט, טײַבעלע,
אין סעדעלע דײַן קלײנעם?
— קלײנע שיסלעך, פֿלעקנדיקע,
לאַנדיש־בלימלעך שמעקנדיקע.
פֿליגלעך, פֿױגלעך פֿליִען,
זימזען, זשומזען, ציִען.
טױעלעך, טױעלעך בליצן
און אַ שורה ליאַלקעלעך
אױף אַ בענקל זיצן.

10.048
1.1

אווטאמאָבילן

טאָמאָבילע, פּיליקעס,
רירעוודיקע מײזלעך,
בּרענענדיקע אויגענעס,
אַף די פּלײצעס הײזלעך.

װער אין הײזלעך? — ליאַליקעס,
פּעטערס און מימעס?
און אלע גוטע קאַליקעס
עסן דאָרטן צימעס?

פליען װי די פלעדערמײז!
װין דען? און פון װאַנען? —
פון די בּערג מיט שנײ און אײז
צו די גרינס־בּאַשטאַנען?

— פאָרט איר, קענט איר אָצעקלאָץ?
דאָרט דעם פּאָקנשטעלער?
טראָגט ער טאַקע לעקעכלעך
אַף גינגאָלדענע טעלער?

קומט איר אויך קיין בּרעמבּעליוו,
צו די קלוגע ציגן?
כאַפּט דער בּאָק דאָרט עמעסדיק
בּלינדערהייט די פליגן?

ווען איר קומט אין ריזן־לאַנד,
וואו די ריזן שפּילן,
אין די האַלבּע לוואָנעלעך
רויטע אַרבּעס צילן.—

טאָמאָבּילע, בּיליקעס,—
וואָלט איך אייך געבּעטן:
זאָלט די קליינע ריזעלעך,
כאָליע, ניט צעטרעטן.

כ׳וואָלט אייך וועלן בּעטן נאָך,
בּרענגט מיר אַ מאַטאָנע:
איינס אַ רויטינק ארבּעסל,
אַן האַלבּינקע לעוואָנע!..

אף דער הוידעלקע

לייקן געשענקט

הוידע, הוידעשע,
וויג זיך,
וויג זיך,
הוידעלקע,
אָט אַהין,
אָט אַהער —
גיכער,
גיכער,
ס'איז ניט שווער!
לויפט אַקעגן מיר
דער וואַלד,
און צום וואָלקן פלי איך באַלד,
גיך און גיכער
הוידעלקע,
הוידע,
הוידע,
הוידעשע!
אָט, דאָס שטעטל
לויפט אַוועק,

דרייט זיך באַם דעם טייכלס עק,
ס'קומט צוריק
און שטעלט זיך גרויס,
ווערט באַלד קליין,
וואַקסט באַלד אויס.

לויפט אַ כאָפּטע כעוורע גיך.
ווילן אויכ'ט הוידן זיך.
גיכער אָפּ און גיכער אויף,
כ'דאַרף צו וואלקנס נאָך ארויף.

אוי, די וועלט, זי שפּילט אַ שפּיל,
דרייט זיך ווי אַ ווינטן־מיל.
שטילער, שטילער,
שטילער, שטיל.
אָט אזוי,
שטיי!

קאטשקע מיט קאטשקעלעך

אַ ווייסע, ווייסע קאַטשקעלע
באָדט זיך אינם טייך,
פּיקט זיך אינם העלזעלע,
פּיקט זיך אינם פליגעלע,
שטעקט דאָס ווייסע קעפּעלע
טיף און טיף אין טייך.

וואַרפט אַ קינד אַ שטיינדעלע
קאַטשקעלעך אף טייך —
בולבן זיך די קאַטשקעלעך
און גולגן זיך אַסאַך.

טרעפט אַ וואַסער־קאַטשקעלע
דער עמעסער אין פיסק,
כאַפּט זי אויף איר קעפּעלע,
כאַפּט די רויטע פיסעלעך,
אַנטלויפט זי
פליסק און פליסק...

זעט:
אין דרויסן זיצט דער ווינטער,
קומט זשע טאַקע שלאָפן,
קינדער,—
ליאַלקע גיטל,
ליאַלקע עטל,—
קומט, ס'איז וואַרעם אין מיין בעטל.
דו פון איין זייט,
דו פון צווייטער,—
מיין געלעגער איז אַ ברייטער!

מירן זיך כאָלעמען איינס דעם צווייטן,
ווי מיר גייען איבער קלייטן,
צוצוקלויבן דיר אַ סעקל
און פאַר דיר אַ קאָרטן רעקל,—
נאָר מיר קענען ניט דערקלויבן:—
דאָס ציט אונטן,
דאָס ציט אויבן.
ביז מיר קומען אין אַ קלייט:—
אַלץ איז שיין דאָרט אויפגעגנייט!

נעם איך,
פּוץ איך אויס אייך בּיידע,
גייען מיר צו באַבּע־זיידע,
ווערט אַ סימכע,
ווערט אַ פרייד:—
„טראָגט זיי,
קינדער, געזונטערהייט!"

אַפּן שנײ

שנײ שױן, שנײ צו ביסעלעך,
בערעלע אין שנײ,
שרײַבט ער מיט די פיסעלעך,
מיט די שיכלעך צװײ.

מאַכט אַ ראָד, אַ סאַמעכל,
שרײַבט זײַן נאָמען אָן.
און מאָלט אױס זײַן מאַמעשע,
װי זי טראָגט א פאָן!

שפּרינגען זײַנע שיכעלעך,
שפּריצן מיט בריליאַנט:
ער װיל דאָס קלײנע פרעסטעלע
לערנען שרײַבן הײנט!

איצט אַ ראָד אַ גרעסערע,
שטעלט די פיסלעך צװײ:
שרײַבט ער אױף אַ לידעלע
אַפּן װײסן שנײ.

שניי דעם וואַלד

לויפט אין וואַלד ארום א בער,
מיט א מאָס און מיט א שער.—
לויפט ער הענדום־פענדום מונטער,
זוכט דעם וואַלד א קלייד אַף ווינטער.

ווינטער,
ווינטער,
ווינטער גייט!—
און דער וואַלד איז אָן א קלייד,
אָן א פויגל,
אָן א נעסט,—
גאָר א נאַקעטער פאר פרעסט.

אין אַזאַ מין גרויסן,
גרויסן,
קאַלטן,
ווינטיקן אינדרויסן
הוילערהייט—
אָן א קלייד.

איז אוועק צום באַרג דער בער,
אויסגעשטרעקט די מאָס און שער
און געשריען:
פּעטער שנייער!
כ'בעט דיך זייער, כ'בעט דיך זייער,—
ס'איז דעם וואַלד שרעקלעך קאַלט,
שיק אַ צודעק אַראָפּ באַלד!

איז דער פּעטער דאָך אַ גוטער —
שיט ער, שיט ער, שיט ער, שיט ער,—
פוך און פוך
אָן אַ ברעג,—
באַלד דעם וואַלד שוין צוגעדעקט.

לויפט צוריק אין וואַלד דער בער,
מיט אַ טענצל הין און הער,—
קערט זיך פריילעך־דריילעך מונטער
ס'האָט דער וואַלד אַ קלייד אַף ווינטער!

מיטן שליטל

אָנגערוקט דאָס היטל,
אַ נעם געטאָן דאָס שליטל,
צו דעם באַרג דאָרט מיטאמאָל,
און פון דאָרט אין טאָל.

כ׳קען זיך שליטלען ליגנדיק,
און זיצנדיק און וויגנדיק.
אויך אַף אַלע פיר,—
ווי סע גלוסט זיך מיר.

טוט אַ קרום דאָס שליטל,—
פאַלט אראָפּ דאָס היטל,
פאַל איך אויכעט מיט,—
נאָר דאָס שליטל ניט.

שליטל פאָרט אַליין אַוועק
מיט דעם לאַנגן שטריקל־עק —
טוט אַ גליטשע ווי אַ שאָל —
און סע בלייבט אין טאָל.

נאָר מיין שליטל וואַרט ניט לאַנג,
כּיפּלי אראָפּ צו דעם, דערלאַנג.
און איך הויב אָן נאָך אמאָל: —
פונם באַרג — צום טאָל!

אפן גליטש

גליטשן, גליטשן, גליטשן ווידער,—
וואַרים ווערט אין אַלע גלידער,
פּלאַם אין בּעקלעך,
קראַפּט אין הענט,
אין די אויערן—פּייער בּרענט!

מיט אַ שליטל,
אָן אַ שליטל,
אַף אַ קלאָץ, אַ דראָנג, אַ ריטל,
אַף די קני, צי אַפן היטל,
עי, אַלצײַנס!
יאַט און יאַט —
גליטש איז אויסגעגאָסן גלאַט!

פראָסט האָט ליב צו זײַן אינדרויסן,
פראָסט האָט ליב אַ גליטש אַ גרויסן!—
פראָסט האָט ליב, אַז מ׳איז ניט מיד!
עי,
לעקאָיועד אים אַ ליד:—

שמידער,
שמידער,
מיט גלעזערדיקע גלידער,
קומסט אַף גאַנצן ווינטער,
האַלסט זיך מיט אונז אונטער,—
ציסט אונז פון די טויערלעך,
שנעלסט אונז אין די אויערלעך,
מאַכסט פאַר אונז טרוקן!
שטעלסט פאר אונז בריקן!
און אַף באַרג און אין טאָל,
שטעלסט פון אייזן און פון שטאָל,
שטעלסט אזוינע גליטשן,—
אזוינע גוטע גליטשן!

שנייען - שפּיל

שנייען,
שנייען,
שנייעלעך,—
פליען פריילעך,
דרייען זיך·—
שפּילן,
שרעקן איינס דאָס צווייטע:

— „כו־בו, לויף:
איך וועל דיך כאַפּן,
און דיך מאַכן פאַר אַ טראָפּן.
גיכער,
גיכער, גיך אנטלויף!..

— היידאַ,
לאָמיר וועג פאַרשיטן,
אין די עקן,
אין דערמיטן.

גיכער,
גיכער,

גיך געדרייט!
גלייך געפאַלן
און פארשנייט!—
זעט:
דער אלטער וועכטער גייט!

גיכער,
גיכער,
כעוורע שנייען!
זאָל ער גאָר דעם וועג ניט זעען!
לאָזט קיין וועג!
פארשיטן לאָמיר—
שטענדיק שמיצט ער אונז פון שוועלן!—
זאָל ער גיין
צום פראָסט אין קאַמער
און זיך פארן מישפעט שטעלן!—
יאָ!

— אוי, אנטלויפט,
אוי,
שנייען,
שנייען!
זי, זיין אַלטע,
האָט דערזעען,

און דעם בעזים טראָגט זי,
שנייען!
דרייט זיך אויס
און לאָזט אים גייען!

מי און מא׳.

הויז פון פּראָפּאריינען

1

מיר זיינען מויערער,
מויערער,
שטענדיק, שטענדיק בויען מיר,
קלעצער אזוי טעסן,
ציגל אַזוי פּרעסן,
שטיינער אַזוי האַקן,
קנאַקן,
גלייכן,
שלייפן,
ביז מיר מאַכן גלאַט,
ביז מיר מאַכן גלאַט.

מאַכן מיר אַ גרונט!
שטיין צו שטיין שלעפּן מיר,
לייגן מיר, גלעטן מיר,
און מיר מאַכן פעסט,
פעסט און איינגעפּרעסט.

גיסט מעז אָן אין מור
צעמענט שטוקאַטור, —
ווערט אַזוי אַ גרונט!

מאַכן מיר די ווענט: —
רויטע ציגל פּאַסן זיך,
איינס מיט צווייטן פּאסן זיך,
זעצן זיי אין שטיקאַטור,
נאָך דער גלייכקייט פון אַ שנור.
און זיי וואקסן אויף,
הויך, הויך, אַרויף —
ווערן אַזוי ווענט.

2

קומען אָן די בלעכער.
— אָט, מיר זיינען דאָ!
מיר קענען דעקן דעכער —
גיך, קיין צייט ניטאָ!

נעמען מיר די טאָוולען בלעך,
מיט אַ האמער, מיט אַ שער.
שניידן הין, שערן הער,

קלאַפּן צו, קלאַפּן איין,
באַ די רינגוועס שערט מען פּיין,
לעכלעך דורך, פרענגזלען אויס
אקסל־רינגוועס באַ דעם הויז.

און באַם גאַנעק, פול מיט סייכל, —
ווערט מיט שליאַרקעלעך אַ דעכל,
און אין שפּיץ געשניצט אַ האָן,
אָדער גאָר פון בלעך אַ פאָן!

3

קומען אָן די טישלער, —
עי, לאָזט דעם וועג!
מיטן הובל, מיט דער זעג,
זעגן מיר אַזוי די ברעטער,
שניידן מיר אַזוי די לאַסטן,
רעמלעך שניצן מיר און בלעטער,
און קוואַרטירלעך זאָלן פּאַסן.
מיט הובל,
הין און הער,
מיטן צירקל אויפגעקלערט,
מיטן וואַטערפּאַס געגלייכט,

מיטן סאַמעט־פּייל געפּיילט,
און דערנאָך אַרומגעפּירט,
אַרומגעפּירט, אַרומשפּאַצירט, —
ס׳פּינקל־פּיינע גלאָז־פּאַפּיר.

ביז דאָס גלאָז־פּאַפּיר פאַרגעלט
ס׳גלאַטע לייב פון יעדער ברעט.

4

קומען מיר, די מאָלער,
ברענגען פאַרבן אלערליי.
באַרשטן, בערשטעלעך און פּענזלעך,
טראַפּאַרעטלעך, פּלייץ און קליי,
און מיר נעמען זיך צום פאַרבן.

אָכרע שמעקט אונז, און נאָך האַרבער
דרייט אין נאָז דער סיקאַטיוו.
נאָך די פּאָלן, טיר און פענסטער, —
גייט די אַרבעט ערשט די שענסטע:

אויף די ווענט די גרויסע מאָלן: —
פעלדער, וועלדער, באַרג און טאָלן,

און זאַוואָדן און פאַבריקן,
עקספּעדיציעס אין באַשליקן:
פּיאָנערן, —
באַ דעם לערנען,
איינער קוקט אין אַ שפּאַקטיוו.
זאָל וואָס גיכער ווערן טרוקן, —
מערער גיסט דעם סיקאַטיוו!

אַף דער גרויסער וואַנט צו קוקן
וועט זיך יעדער איינער פרייען: —
ווייל מיר מאָלן אַף דער וואנט,
ווי מע בויט אין ראַטן־לאַנד,
אַזוי פריילעך, אַזוי גרויס,
אַזאַ ליכטיק מעכטיק הויז, —
פאַר די פּראָפאריינען!

סאַנקאָם

(דער כאַרקאָווער ניינטער שול)

שטיל שוין, שטיל, אויס טראַראַראָם.
אָט אָ גייט שוין דער סאַנקאָם.
מיטן העפט און מיטן בלייער,
שפאַנט זי ערנסט: צ׳יט איז טייער,
דער סאַנקאָם, — בוני ראָם.

— זעצט אייך אויס באַלד, גיכער, פלינקער,
קומט אט׳הער, באַווייזט די פינגער.

מינקע, — ריין.
ראַפע, — ריין.
סאַנקע - טאַנקע
ווידער ניין!

קינדער, הערט - זשע:
אַף מיין וואָרט,
די בלאָטע שמעקט אין זעלבן אָרט!
וואָס - זשע, סאנקע, לאָמיר הערן,
מיינסט נאָך זײַן א פיאָנערל?

— וואַרט, סאַנקאָס, איך וועל דיר זאָגן:
כ׳האָב גאַנצפרי די קאַץ געשלאָגן!..

— נו, איז וואָס, אַז האָסט די קאַץ?

— זעט, דאָס האָט זי מיך צעקראַצט!—
און דערצו נאָך מײַנס און זלאַטקעס,
אויפגעפרעסן ביידנס לאַטקעס...
קינדער, אוי איז זי אַ נאַשער!

— סאַנקע, ענפער צו דער זאַך.
— נו, איך ענפער דען ניט, אַך!—
וואָס, איך זאָל זיך גייען וואַשן,
און די קאַץ זאָל ווייטער נאַשן,—
מיינסט מיר באַקן אָן אַסאַך?!

— נו, אָן עק—פאַרמאַך דאָס טויערל.
ביג זיך אָן, באַוויַיז די אויערלעך.
סאַנקע, פע, סע האַלט גאָר שמאָל.
כ׳זאָג דיר איצט דאָס לעצטע מאָל.

— שאַ נאָר, זע, גענומען ראַשן!
קוק נאָר גוט, צום פענסטער קום.

כ׳הײנט די אויערן יאָ געוואַשן,
קוק נאָר דאָרט זיך גוט אַרום!..

— כ׳זע שוין, יאָ, ס׳וואַקסט דאָרט
מאָך —
געוואַשן, עפּשער פאַראַיאָרן.

— וואָס איז, סאַנקאָם, מיט דיר געוואָרן,
געוואשן האָב איך הײַנטיקע וואָך!
אָבער... ע... ע... אָבער, —
אונזער האנטוך איז אַ גראָבער,
און די אויערלעך צו קלײן: —
ווי־זשע זאָל דער האנטוך גײן?..

— אַי, אַ סאָף, דרייסט אַ קאָפּ.
ווייסט ניט ווי מע וואַשט זיך אָפּ?
כ׳האָב אַלײן געזען דײַן דאַשען,
קענסטו דאפקע זויבער וואַשן.
ס׳איז דײַן ליאלקע שטענדיק רײן. —
וואָס־זשע, קענסט זיך ניט אַלײן?

דאס קאוונדל

איך האָב אַ שטיקל ערדעלע,
באַ אונז לעבן דעם פלויט,
צעאַקערט כ'האָב דאָס שטיקעלע —
אַ קערל כ'האָב פאַרזייט.

פאַרטרינקט כאָטש דאָס קערעלע,
געוואלגערט אונטער טריט,
האָט דאָך פאָרט אַ בלעטעלע
פון דעם אַרויסגעבליט.

געגאַנגען רעגנס, רעגעלעך —
דאָס בלעטל ווערט אַ בלאַט,
די בלאַט ציט אויס גאָר פינגערלעך,
און ווערט אַ גאַנצער יאַט!

נאָך רעגנס און נאָך רעגעלעך,
נאָך זונען און נאָך ווינט —
און די בלעטער, בלעטעלעך
געבוירן גאָר אַ קינד!

אַ קאַווּנדל אַ קליינינקעס,
אַ קײלעכדיקס, אַ גרינס,
האַלט זיך באַ אַ האָדענע
מיט העלזעלע אַ דינס.

געוואַקסן האָט דאָס קאַווּנדל,
געוואַקסן האָט מײַן גליק,
אַרומגעצאַמט מיט בּודיקעס
פון אינגלעכס, ציגלעכס בּליק.

בּיז איינמאָל נאָך אַ וואַרימעס, —
איך גיב אַ שפּרונג צום אָרט,
טרעף איך שוין קײַן קאַווּנדל,
נאָר שוין אַ קאַוון דאָרט!

מיט פאַסיקלאַך, מיט שטרײַפּעלעך,
און מיט אַ ווײַסער באַק,
איך פּרוּאוו עס צווישן קניעלעך,
האַ־האַ! דאָס טוט אַ קנאַק!

כ'האָב געכאַפּט אַ מעסערל,
געטאָן אַ ריר — און טראַך!

דער קאוון איז צעפאלן זיך,
אָ, דימענטן אַסאַך!

א האַלבס געשענקט דעם שוועסטערל,
אַ האלבס פאַר מיר אַליין.
ס'איז יעדער אַף מײַן קאוונדל
מעקאנע מיר געווען.

לאַנג שוין נאָכן קאוון גאָר —
געבליבן שיסלעך צוויי,
האָב איך פאַר די הינדעלעך
אַ טרונק געשטעלט אין זיי.

און פון די שוואַרצע קערעלעך
געמאַכט האָב איך אַ שניר,
א בײַטשל שיינע פערעלעך, —
מיין שוועסטער אַ באַציר.

אָ, טייער איז, אַן אויצער גאָר, —
אַ קליינינק פיצל ערד!
און זעט זשע, ליבע קינדערלעך,
וואָס פון אַ קערל ווערט!

סעדער

עפּל־פּעפּינקעס און פלוימען,
און די שווערע באַרן־בער.
בעטן בוימער: „ליבע קינדער,
נעמט אַראָפּ אַ קאַפּ, ס׳איז שווער״.

לאָזט זיך כעוורע לאַנג ניט בעטן,
לאַנג ניט בעטן — צוליב וואָס? —
טרייסלען בוימער, בויגן צווײַגן,
פאלן פרוכטן אפן גראָז.

עסט מען אָן זיך זיס און זאפטיק,
זאפט אין זיסקייט, האָניק ווײַן,
ווען אין מויל שוין קאָן ניט קריכן,
קריכט אין קעשענע אַריין.

פולע קעשענעס געפּאַקטע,
קוים צו רירן זיך מיט זיי —
און סע גלוסטן נאָך די אויגן,
נאָר די בייכלעך טוען וויי!

מוז מען אָפּרועןאַביסל,
און אַ לייג זיך אפן גראָז —
קוקט אַראָפּ אַ באַק פון עפּל,
און פון פלוים אַ בלויע נאָז.

און אַ בינטל שוואַרצע ווײַנשל,
אף דער לעצטער צווייג, אָן דאָרט, —
אַך, זיי לאָזן דאָך ניט רוען
און אַ כאַפּ זיך פונם אָרט.

קריכן, וואַרפן, רײַסן, טרײַסלען
פלאַטער-פליטער, בלעטער-בלאַט!
און געפּאַקט שוין און באַקומען
און אַ לייג זיך ווידער מאַט.

און אַרײַנגעשטעקט די צײַנדלעך
און געהאַלטן לאַנג אַזוי, —
עפּל, באַרן, ווײַנשל, פלוימען,
אַך, ווי גוט איר זענט, אוי, אוי!

— ווער פאַרזייט די פּרוכט אף בוימער?
— ווער גיסט אָן אין זיי דעם זאַפט?

שטעלט זיך איינער אויף און זאָגט:
— ווייסט איר דען ניט ווער דאָס שאַפט!

פון דער טיפער ערד די זאפטן,
און די רעגנס און די זון,
און דעם גערטנערס הענט געניטע,
אלץ נאָר זיי, דאָס אלצדינג טון.

זיי באַשטעלן עס די פאַרבן,
שטעלן אָפּ די גרויס, די קליין,
און באַקליידן און באַצירן
אלע פרוכטן איידל, שיין.

דעם אָ עפל מאַכן וויניק,
און אָ יענעם — האָניק־זיס,
אָט די באַרן עטוואָס טערפקע,
יענע קאשיק, אַזש צעפליסט.

דאָ אַ נאָפּעלע אַ שפּיציקס,
דאָרט אַ בעקעלע אַ ראָז,
דאָ אַ קעפּעלע אַ שוואַרצינקס,
דאָרט אַ געבלעך לאַנגע נאָז.

און אַז אויסגעפּוצט, פֿאַרענדיקט, —
שטייט דער גערטנער מיד און מילד,
וואַרט און קוקט אין אַלע זייטן,
הערט זיך צו צום שאָרך פֿון ווינט.

ביז סע קומען אָן די קינדער,
אַז די פּײרעס זײ געפֿעלט —
פֿרייט דער גערטנער זיך, און פֿרייט זיך
און זיין פּאָנעם פֿריילעך קוועלט:

— רײַסט און טרייסלט מײַנע פּײרעס!
זאַפּט און זיסקייט, האָניק־װײַן.
ווען אין מויל שוין קאָן ניט קריכן,
שטופּט אין קעשענעס אַרײַן!

דער בוהאַי

גייט דער בוהאַי פֿון דער פּאַשע,
רעווע, רעוועט,— רעוואַ־וואַ!
טוט אַ היכץ פֿון וואַלד, פֿון פעלדער
מיט אַ ווידערקאָל אַזאַ!

רעווע רעדט פֿון טעפּ און פעסלעך,
רעווע טרייסלט מיטן הויף.
שפּילט דאָס קליינוואַרג, שפּילט אינדרויסן,
וואַרפט די שפּילן און אַנטלויפט!

אונטער ווענטלעך, אונטער דעכלעך,
אונטער קאַמערן געשטעלט,
שטופּן קינדער זיך בּאַ שפּאַרעס,
זען, ווי בוהאַי שפּאַנט אף וועלט!

שטופּן קינדער זיך בּאַ שפּאַרעס
און סע טוט זיי האַרציק וויי:
אַלע שפּילעכער געבליבן,
דאָרט, אַף העפקער שטייען זיי!


קלוב
קערוא-ווא

ביידע הינטלעך איינגעשפּאַנטע,
איצט צערייסן זיי דעם שפּאַן!—
שפּרינגען אַף דער מיל,— הינטלאקעס!
און צעדרייען דעם באַשטאַן!

אוי, די ציג פרעסט אויף די דעכלעך,
זעלכע געלע פון קאַבאַק,
זעט, די קעצלעך איינס, דאָס צווייטע
אַפּן פּאַרקן! באַך! קנאַק!

נאָר פון זאמד דער קליינער טראַקטאָר,
און דער קלוב פון שטרוי-טשערעט,
שטייען שטאַרקע גוט געשלאָסן
אָטשערעט מיט אָטשערעט!

זעט, דער נעפּמאן איז געפאַלן,
און דאָס נעפּעכץ זיך צעגייט,—
נאָר דער מאַרש פון פּיאָנערן
טופּעט אַלץ באַם מאָוזאָליי!

טוט דער בוהאַי נאָך אַ רעווע,
טוט מיט אַלעמען אַ וואָרף.

קיינער גייט אין גאַס ניט, קיינער,—
נאָר אַ דאָרפקאָר גייט אין דאָרף.

און דער בוהאַי,—קאָפּ געהויבן,
פולע אויגן, שוואַרצער פלאַם,
ציטערן די קי אין שטאלן,
בילן הינט פון אונטער צאַם.

שפּאַנט דער בוהאַי גאַנץ פּאַמעלעך,
הויבט די פיס און שטעלט אַוועק;
פאָרנט פּאָכעט אום דער גוידער,
הינטן וויגט זיך אום זיין עק.

און די הערנער שטאָלץ און מעכטיק,
יעדער גליד,—אַ זינג, אַ טראָפּ!
טראָגט די זון צווישן הערנער,
טראָגט די זון זיך אַפן קאָפּ!

זון אַ רויטע באַם פאַרגייען,
זיצט אף בוהאַי און זי קוועלט.
גיסט איר רויטקייט אַף זיין רוקן
און פון אים אַף האַלבער וועלט!

פרעגן שנעקלעך: — וועמעס איז ער?
ווער קען נעמען אים באַם נאָז,
אַז גאָר אַלע זיך באַהאַלטן
הינטער טירן, אונטער גראָז?

און וואו וואוינט ער, אַזאַ בוהאַי? —
אַלע שטאַלן פאַר אים ענג!
קאָן דאָך דעכלעך אונטערהויבן,
שפאַרן ווענט אַףברייט און לענג.

— און ווער טראָגט אים אונטער עסן
— עסט ער פון אַ צעבער דען?
— און ווער קען אים נעמען מעלקן,
ווער אַ בוהאַי מעלקן קען?!

א מאַיסע

קינדרע,
קאַפּינדרע,
איציק פּיק!
כ'קען אַ מאַיסע —
אַן אנטיק!
פון אַ טאָטער זי געהערט,
פון אַ קאַרליק מיט אַ שווערד

נעמט אַהער
די שפּילעכלעך,
די שפּילעכלעך,
די מילעכלעך,
די מילעכלעך,
דאָס הויז:
דאָס מאיסעלע הערט אויס!

קינדרע,
קאַפּינדרע, —
אַ הון מיט אַ האָן:
די מאַיסע, די שיינע,

זי הויבט זיך שוין אָן,
זי הויבט זיך שוין אָן.
אַ קו מיט אַ קאלב,
די מאַיסע די שיינע,
זי איז שוין בא האַלב,
זי איז שוין בא האַלב.
אַ קאַץ מיט אַ מויז,
די מאַיסע, די שיינע,
זי לאָזט זיך שוין אויס!

נעמט צוריק
די שפּילעכלעך,
די שפּילעכלעך,
די מילעכלעך,
די מילעכלעך,
דאָס הויז:—
דאָס מאַיסעלע איז אויס!

אין וואלד

איצי פּיטשעריצי
רופט צו זיך די קיצי:

„— קיצי־קעצל, שלאָפן באַלד,
פאָרן מאָרגן מיר אין וואַלד,
צו מיין זיידן דודי העשל,
צו מיין באָבען אודי קרעסל.

דאָרטן ווײַנשל אפן דאַך,
בינען־שטאָקן — גאָר אַסאַך!"

איצי פּיטשעריצי
שלאָפט שוין, אויך די קיצי.

כאָלעמט זיך אים:
אָט ער פאָרט,
אף אַ הונט אַזאַ, אַ כאָרט,
פאָרט אין וואַלד,
אינמיטן דרינען

און דער כאָרט ווערט גאָר אַנטרינען,
גלייך ווי קיינמאָל ניט געווען.
און נאָר איצי איין־אַליין,
אַזוי קליין
אין אַ וואַלד אַזאַ גוואַלדאָוונעם!

פויגלען שרייען:
„שראַרירעק".
צווישן גראָזן:
„טאַק און טעק".
ערגעץ הילכט מען:
„העפּ! העפּ!",
בוימער ברומען מיט די קעפּ.

פאַלט אף איצין אָן אַ שרעק:
— זיידע דודי!
באָבע אודי!
אַ־אָ! אַ־אָ!
פלוצים, אוי! —
אַ פוקס איז דאָ!
און דער פוקס:
— איצי פּיטשעריצי,

ווילסט אַהיים צו קיצי?
זעץ אף מיר זיך,
האַלט מיין עק,
טראָגט איך דיך אַהיים אַוועק!

זעצט זיך איצי,
האַלט זיך צו.
פוקס צעלאָזט זיך — או-או!
באָקעס,
בוימער,
בערן — בו!
שמאָכטעלייעס,
סטעפעס,
סטויגן,
ווינט וויל אויסרייסן די אויגן,
אין די אויערן
בויערט, בויערט!
ביז דער פוקס אַ שטעל זיך אָפ
און אַ שאָקל מיטן קאָפ:
— איצי פיטשעריצי!
ט'איז דיין היים,
דיין קיצי,

נו, אַראָפּ!
זאָג אַ דאַנק!
איך פאַרהאַלט זיך דאָ ניט לאַנג!

איצי טוט אַ קוק —
דערשרעקט זיך!
אוי, גוואלד:
ניט אין דר׳היים איז ער —
אין וואַלד;
און וואָס זעט ער!

ווילדע כאַיעס אים אקעגן
פון צעווישן הינטערוועגן!

שטיל, אַ טיגער:
פייער אויגן,
זיך צו וואַרפן צוגעבויגן.
ציינער בּליאַסקען.
שטילערהייט,
רוקט זיך,
רוקט זיך,
מאַכט זיך גרייט!

און פון צווייטער זייט אַ לייב!
קעגן איצין זיך אַ הויב!
מעכטיק,
ליכטיק
און דערהויבן,
קאָפּ באַוואקסן און צעשויבערט,
טוט אַ רעווע פלוצים,
ברומט,
אזש דער וואַלד אין שרעק פאַרשטומט!
כאַפּט זיך איצי אַף צוריק —
טוט אבער א שניט א בליק:
ווער?
אַ וואָלף! אויגן בליצן,
פיסק און אויערן אָנגעשפּיצטע,
דרייט זיך,
רוט ניט;
רוט ניט, דרייט
אַף א שפּרונג פון גרייט!

און פון אונטן קומט אָן שווער,
שווער און בריש קומט אַ בער.
אָנגעפּעלצט אין וואַרמען פוטער.

דוכט זיך, גאָר אַזוי אַ גוטער,
נאָר די אויגן־פינטלעך צוויי: —
פינסטער, בלינד — אוי, זוכן זיי!

פלוצים גאָר — אַ בוים צעוויגט זיך!
שאָקלט,
פּאָטלט מיט דעם קאָפּ:
ס'לאָזט אַ מאַלפּע זיך אַראָפּ.

צוויי פּאָר הענט און מענטשן־אויערן,
און מיט עק אַן אומגעהויערן,
און איר אויסזען: האָריק, ווילד,
נאָר קימאט אַ קענטלעך בילד!

און פון אונטער אים —
ניט טריט,
נאָר סע וואַרפט זיך און סע זידט,
דרייט זיך, קנוילט זיך, ציט זיך לאַנג,
שלאַנגלט, שלענגלט זיך אַ שלאַנג
גלאַנצט און דרייט זיך רינג
אין רינגל,
שטעקט אַרויס איר גיפטיק צינגל.

אַלע כאַיעס, אָט אָ די,
דוכט זיך איצין
פּיטשעריצין,
אָט אָ טרען זיי אַ פלי, —
מיט א בּרומען, גרומען גרעל
און מע מאכט פון אים אַ טעל!..

ציטערט אין אים דאָס געביין,
שיסט ער אויס אַזאַ געוויין!..

פּלוצים טוט אַ שמאָר פון אונטן
און סע כאַפּט אַרום אים שטאַרק,
און אַ הויבּ אים אין דער לופטן,
און ער זיצט ווי אף אַ בּאַרג!

האָט עס איצי ניט באַנומען,
ביז ער איז צו זיך געקומען:

אַך, ס'איז עלפאַנט!
עלפאַנט ליבּער,
מיט זיין נאָביע —
אָט אַ גיבּער!

איצין אויפגעזעצט אף זיך,
און ער טראָגט אים ניט גאָר גיך...

פרייט ער זיך שוין, איצי,
שאָקלט מיטן קאָפּ.
און די ווילדע כאַיעס
טרעטן פאַר אים אָפּ.
טראַגט אים עלפאַנט ניט דורך וועגן,
קומען גוטע אים אַנטקעגן:
הירשל שטאָלטנער,
שלאַנקער הירש
בליצט גיך דורך: שאַרש־שירש.
אַ זשיראַף אַ שיינער,
פיינער,
שפּיצט זיך אויף
און הערט זיך איינעט.

זעברעס פריילעך, ליסטיק, שיין,
יאָגן נאָך זיך, איינס נאָך איינס.

און אַ נאָזהאָרן אף פּאַשע.
און קאַנגורעכס מיט טאַשן.

אַלע גריסן זיי זיך איצין,
איצין,
איצין
פּיטשעריצין —
און זיי לויפן אים פאַרביי.

אַז צום סאָף פון וואַלד געקומען,
האָט דער עלפאַנט אים גענומען
און געטאָן אים אַזאַ שפּיי!..
איז ער באַלד אַזוי געפלויגן
און אַ פאַל געטאָן ווי בליי!
האָט ער אויפגעמאַכט די אויגן,
איצי פּיטשעריצי,
און דערזעען זיך מיט קיצין, —
גאָר אין בעט!..

די צוקערקע
אין קינדער - קאלאניע

1

אוי, דער יאָנטעוו אין קאָלאָניע,
אלע גרייטן אים, דעם מאַי!—
גייט אַ רעגן, שמייסט אַ האָגל,
מאַי איז יאָנטעוו סאַי־ווי־סאַי!

נאָכן יאָנטעוו גיין עקסקורסיעס,
ביז עקסקורסיעס,— אויך ניט שלעכט.
ס'איז נאָך דאָ מיט וואָס צו שפּילן:
פאַרב און ליכטלעך, קליי און בלעך!

און דער שעף געשיקט האָט ביכלעך
און צוקערקעס פּעקלעך צוויי.
— ווען וועל איך שוין קענען לייענען?
כאנקע, לערערקע, נו, ווען!

כאנקע, זע נאָר די צוקערקע.
ס'איז פון נעכטן, זעסט אַ זאַך!
זעסט אַף דעם אַ קינד? — סע קייעט
און אַ קאָטער זיצט און לאַכט.

און אַ בין, זי באָדט דאָס קעפּל
אין אַ שיסעלע מיט זיס,
זע, אַ שפּין אזא מין גרינער,—
אָן אַ קאָפּ גאָר, נאָר פון פיס.

און פון דער זייט, בלימלעך, בלימלעך!
מיין קאָנפעטל, אוי מיין ליבּס!
דיינע שטייפינקע צווייי שפּיצן—
ווי דעם שעפּס דער רויטער שניפּס!

כאנקע, קאָנען שטענדיק קומען
אלע שעפּן צו אונז אין געסט?—
יאָ, איך ווייס, זאָל נאָר ניט רעגנען;
און זאָל נאָר ניט זיין קיין פרעסט!

אָט איז לייבל! לייבל-פייבל.
— קוק, וואָס איך האָב אַזאַ זאַך!
— איך האָב אויך און נאָך אַ שענערס—
אַ טרומייטל,—שפּיל איך: פאאאא אף!

— לייבל, קוק נאָר, קוק אַף דער זייט
און אַף דער נאָך, זע נאָר... שא...

זאָג אַליין, האָסט שוין געזעען
אַ קאָנפּעטל גאָר אַזאַ?

— ווייסעך, כ׳וואָלט זיך ניט געביטן.
מיינס — אַ זאַך! — און דיינס וואָס איז!
— שאַ, כ׳צעוויקל, וועלן מיר זען,
וואָס איז שיין און וואָס איז מיס!

זעסט אַ דעקל, נאָך אַ דעקל,
און די לעצטע דינע דעק.
אוי אַ שייניקס, אוי אַ געלינקס,
נאַ שוין, גיב דו אויך אַ שמעק!

— נאַ דיר, ווילסט אָ דאָס טרומייטל?
און די קנעפּלעך אלע אכט?
ווייסטו, גיב מיר דיין קאָנפּעטל,
נאָר זיך בייטן איבער נאַכט.

— ניין, איך וויל ניט, כ׳טו אַ לעק נאָר,
און פּאַרוויקל, ווי געווען,
און איך גיי עס לייגן שלאָפן,
און איך לייג זיך נעבן דעם!

כ'וועל עס מאָרגן דיר ערשט ווייזן,
ס'איז אין קישן שוין פאַרוקט.
גיי דיר, לייבל־פייבל איינער,
אַ מין קוקן, ווי ער קוקט!

2

אוי, וואָס איז מיר אין די אויגן?
כ'זע ניט מיין קאָנפעטל דאָ!
אַפן בעטל, אונטערן בעטל,
אינם העמדל, — ס'איז ניטאָ!

כאנקע, לערערקע, כאנוסיע,
זוך עס מיר, איך בעט דיך, אָפּ!
לייבל־פייבל, עפשער ווייסטו?
נו, דריי אויס אַהער דעם קאָפּ.

קוק ניט, לערערקע, אַף לייבלען, —
וואו איז מיין קאָנפעטל צינד?
קאָן דען זיין ס'איז נאָכן שעף נאָך
נאָכגעפלויגן אַפן ווינט?

ס'איז דאָך גאָר מיט מיר געשלאָפן,
דאָ, צעקאָפּנס, בּאַ דער באַק.
לייבּל־פּייבּל, זאָג דעם עמעס,
עפּשער האָסטו עס געפּאַקט?

קליינע יעטאַ און איר מאַמע

יעטעס מאַמע
אַרבעט אַף דער טריקאָטאַזשנע,
בּא דער ראָד און העמערלעך:
הוק־טוק, הוק־טוק —
און דערנאָך אין קעמערלעך:
אין „געזערד”, אין „אַויאָכעם”,
אין קולטקאָם, אין קאָמיטעט,
דאָ געטאָן, דאָ דורכגערעדט,
דורכגעפירט,
געמאַכט!
פאראַן! —
און דערנאָך אַהיים געגאַן, —
פריילעך, זאַט,
מונטער, מוטיק, מיד און מאַט.

— יעטע, אַך איז היינט אַ טאָג,
אַך, אַ טאָג.
— מאַמע, יאָ, זיך קוים דערוואַרט,
היינט איז דאָך דער „אַכטער מאַרט!”

— ווייסט דען עפּעס, קליינס, נו זאָג!
— וואָס זשע, מאַמע, לאַכסטו אַזוי?
זאָג, בין איך דען ניט קיין פרוי?

„מיר, די פרויען פון דער וועלט!
„פריי פון יאָך און פון געצעלט!
„ניט קיין דינסטן! — זיך דערוואַרט!
„אונזער טאָג: — דער אַכטער מאַרט!"

— אַך, דו קליינס, אַ שיינע ליד!
— מאַמע, רו זיך אָפּ, ביסט מיד,
לערער זאָגט, דו וועסט דערציילן
נאָך און נאָך.
— יאָ מיין קינד, איך וועל דערציילן,
אוי, איז שווער געווען
דער יאָך.
קינד, מיין קינד, וואָס ווייסטו קינד,
פרויען פלעגן ווערן בלינד. —
פון רויך און פריפּעטשיק און קיך,
טראָגן צעבערס, פּוצן שיך,
שווערסטע אַרבעט, ענגשאַפט, מי, —

פלעג פאַרוויאַנען זייער בלי,
יונגערהייט, — שוין אַלט און וויסט;
אַלטערהייט, — אַ קוּפּע מיסט!

און די גווירים, פּריצים, שינדער, —
פלעגן שרייען:
„האָט נאָר קינדער!
„דינט אין קיך!
„ווי קומט צו אייך
„בויען בריקן איבער טייך,
„וועלן לערנען, שאַפן, ראַשן! —
„שוועלן דאַרפט איר בּאַ אונז וואַשן!"

אָט אַזוי געווען, מיין קינד.
נאָר געקומען איז אָקטיאַבּער
און אַ זאָג געטאָן אַזוי:
„שוין אַף אייביק פון אַצינד,
מיטן אַרבעטס-מאַן בּאַגלייך
וועסטו זיין, דו אַרבעטס-פרוי.
צי אין שול,
אין לאַנד,
בּאַם וועבן —
ביסט דאָס האַרץ פון נייעם לעבן!

יעטלען פּירט מען אָפּ אין גאָרטן,
קינדער פּינקלען ווי דער טוי.
זאָגט דאָרט אלץ דאָס יעטל איבער:
— „מיר, די פּרויען... אָט אַזוי..."

דאס קעצעלע

בײַ אונז איז דאָ אַ קעצעלע,
אַ קלײניקס, אַזאַ אָ!
די מאַמע זאָגט סע טויג אונז ניט,
נאָר מיר דאָך טויג עס יאָ!

אַזוי איז דאָס אַ שוואַרצינקעס,
נאָר פּיסלעך, — ווײַס ווי שניי.
צוויי גלאַנציק־קלײנע וואָנסעלעך,
וואָס שטענדיק פּוצט זי זיי.

די מאַמע האָט דאָס קעצעלע
פֿאַר מײַזעלעך געבראַכט,
שפּילט זיך דאָס אַ גאַנצן טאָג,
און שלאָפֿט זיך גאָר בײַנאַכט!

אַך, איז דאָס אַ לעבעדיקס,
איך שפּיל מיט דעם און האָפּ,
סע דראַפּעט מיר די הויזעלעך,
און קריכט מיר אױפֿן קאָפּ.

איך קיצל דעם די אויערלעך,
די גלאטע ווי אַ פליוש,—
סע פאַרמאַכט די אויגעלעך,
גלעט איך עס און קוש.

ווען צוריק סע עפנט זיי,—
בין איך שוין גאָר ניטאָ.
שפרינגט עס, טאַנצט עס, זוכט מיך אום,
זוכט אַ גאנצע שאָ.

זוכט מיך אינם אייוועלע,
אין קריגעלע, אין טאָפּ —
און פון דער הויכער פּאָליצע
פאלט עס אַפן קאָפּ.

מיר שפּילן זיך און שפּילן זיך
און שלאָפן נאָך דער זון.
ווער און וואָס די מייזעלעך,—
סע האָט ניט וואָס צו טון?

נאָר איינמאָל מיט דעם קעצעלע
געטראָפן האָט אַ זאַך:

די מאַמע האָט געזעען עס
מיט מייזעלעך אַסאַך.

ווי סע טאַנצט און שפּרינגט מיט זיי,
שפּילט זיך אַן אַנטיק!
פּאָכעט מיט דעם עקעלע,
און מאַכט די מייזלעך שטיק!

די מאַמע האָט געכאַפּט עס באַלד
און גיך אַרויס פון שטוב,
פאַרטראָגן עס צום אונטערהויז, —
אַראָפּגעלאָזט אין גרוב.

איך האָב זיך דאָ אַרומגעדרייט,
און שטיל געוויינט, געברענט, —
אַפילע מיט דעם לאָשעקל
זיך שפּילן ניט געקענט.

נאָר שפּעטער מיט אַ ווייליקנע
(די מאַמע איז נאָך ניטאָ), —
האַ־אַ! איך הער באַם טירעלע —
דאָס קעצעלע איז דאָ.

מיר האָבן זיך דערפרייט אזוי,
און באַלד פאַרפירט אַ שפּיל.
געקומען איז די מאַמע באַלד
און נאָר געשמייכלט שטיל.

באַ אונז איז דאָ דאָס קעצעלע,
דאָס קליינינקע, דאָס אָ—
די מאַמע זאָגט סע טויג אונז ניט,
איך ווייס, מיר טויג עס יאָ!

מיט דער מישפּאכע אין צירק

נו, איז דער צירק
אין שטעטל אריין
אף גרויס שליאך
א זייגער ניין.

איידער מע האט
אינם זאל אים געבראַכט,
איז שוין געוואָרן
קימאַט פאַרנאַכט.

אוי, האָט מען געשטופּט זיך,
אוי, האָט מען געוואַרט!
כאָפּטעס מיט מענטשן
האָבן געגאַרט!

יאָסי דער טעפּער
אין סאַמע קאָך,
די טעפּערקע אויך,
די קינדערלעך נאָך.

פארלירט ער זיין כעוורע
קימאַט בײַ דער טיר:

— „כאיקע!
באיקע!
טאָטל!
מאיקע!
עי־עי!—
צו מיר!"

צוויי אף די אקסל,
און צוויי בא די הענט,
שטופּט ער זיך דורך,
פאַרשוויצט און פארברענט.

זיבן פּיטאַקלעך
האָט ער דערלאַנגט,
האָט מען באקומען
די אויבערשטע באַנק.

די אויבערשטע באַנק,
אף דער גאלעריי.
— „כאיקע!
באיקע!

טאָטל!

מאיקע!

מיר זענען העכער

פון אלע זיי!״

זענען די לייצים

מיט רייפן ארויס.

אף איינער אַ קאץ

איז געריטן א מויז.

א מיידעלע טאַנצט

באם באלקן אף דראָט.

„— באיקע,

באיקע

טאָטל,

מאיקע,—

בויגט אייך ניט איבער,

איר פאַלט אראָפּ!״

ווי נאָר דער טיגער,

דער לייב און די שלאַנג

זענען ארויס

און געדרייט זיך באַם שטאַנג,

איז,
כאיקע,
באיקע,
טאָטל,
מאיקע

פאַר שרעק
ארונטער
אונטער דער באנק.

— וואָס האָט איר מוירע,
זיי מאכן שפּאס!..
זאָגט די מאַמע,
אַליין איז זי בלאס.

און קיכלעך צעטיילט זי,
איינס נאכאנאנד,
די קעפּעלעך גלעט זי
מיט ציטיריקער האנט.

הויבט זיך אויף מאיקע,
דאָס קלענסטע קינד,
הויבט אויף דאָס קיכל,
און וואַרפט עס געשווינד.

טוט קעגן קיכל
דער לייב אַ שפּרונג,
פאלט אים דאָס קיכל
גלייך אף דער צונג.

מיין מומע האדל

שא, אלמאי מיין מומע האדל! —
פון קאַבאַקעס מאַכט זי שטראָדל,
און פון הערינג מאַכט זי קעז.
וואלט אזא מין מומע האָדל
ניט געווען אזוי אָ בייז,
איז זי פעסט די גרעסטע בעריע
פונם גרעסטן, נו...
פראנצעיז!

נאָר אַז מומע האָדל שעלט, —
אך, א שעלטן! — דונער און ברויז. —
דיבאָם שטעלט זיך אויף דאָס הויז,
דיבאָם!
ווי אָ פערד אַ גרויס.

און דער קליינער פעטער דאָדל, —
מאַכט זיך טאַמעוואַטע גלאַט.
נאָר ער שטייט שוין אָנגעדראָדלט —
און ער ציטערט ווי אַ בלאַט!

אָטאָ־אָט און ער צעשיט זיך,
ווי אַ זשמעניע דריבנע ניס,
נאָר ער האַלט זיך און ער היט זיך
און ער בייט נאָר אָפּט די פיס.

נאָר דאָס שעלטן טרעפט זיך זעלטן: —
ווען סע לויפט איר אויס אַ טאָפּ,
אָדער ווען פון קוילעטש, פלוצים,
פאַלט דאָס פלעכטעלע אראָפּ.

און ווי זאָל עס ניט פאַרדריסן,
אַז אָט זיצט זי אַזאַ קאַץ.
ווייס נאָר: עסן, פרעסן, ניסן,
דאָ אַ לעק, און דאָרט אַ קראַץ.

און די גאַנצע שווערע אַרבעט,
פון באַגינען ביז באַנאַכט,
פאַלט אַף איר, דער מומע האָדל.
איז קיין אויג ניט צוגעמאַכט!

און מע זיצט דאָך ווייט פון מענטשן,
אינם כוטאָר באַ דער מיל,

ווי זשע זאָל מען ניט א שעלט־טון,
אַז סע שטענדיק אזוי שטיל?

אַז מע האָט קיין פּיאָנער ניט,
קיין אקטיאבערל, קיין קינד.
און דער פעטער איז פאַראַרבעט,
איז כאָטש טאינע מיטן ווינט!

ווען סע מעגלעך: פּיאָנערן,
אַן אָטריאַדל ווען מע קען,
איבער מיל אַ שעף זאָל ווערן! —
וואָלט איר פריילעך שוין געווען...

דער אָטריאַד וועט קומען אָפטלעך,
מיט געזאַנג און מיט געשריי,
און די מומע וועט זיי העלפן
און וועט גליקלעך זיין מיט זיי...

און פון מיל אין מעל דער פעטער,
און די אנדערע ארבעטס־לייט: —
אַלע זיי אריין אין קרייזל,
און מע שפּאַנט אָט דאָ, ניט ווייט.

מיטאמאָל:

„בלייבט שטיין!

זעצט זיך!
סע וועט רעדן פּינקע טאָרט!"
רעדט דאָס יאַטל — אַך א ריידן!
אויסצוקוּשן יעדעס וואָרט!

און נאָך פּינקען, הויבּט זיך אויף׳עט...
בּעט א ווארט... נו, מיינט איר ווער? —
זי, די מוּמע האדל טאַקע,
ווי אַ ראָב זי טוּט אַ קראַקע:
— „איך... וויל זיין...
א פּיאָנער!.."

באבע-שלאק מיט איר קאבאק

ווייט פון איר געצעלט,
אַפן געלן פעלד,
איז בא דער באבע-שלאַק
אויסגעוואַקסן
דער גרעסטער קאַבאַק.
סע וועלן זיין קנישעס אָן אַ סאָף,
פאַר דער שטאָט און פאַרן דאָרף.

מע וועט קאָנען באַקן און באַקן,
און די קערלעך קיינמאָל ניט דערקנאַקן.

גייט די באבע-שלאַק דעם קאַבאַק
צום צעלט אַריבערפירן, —
קאָן זי אים ניט רירן.
שטופּט זי, דרייט זי, די באבע,
און פאַרלירט אַ שקראבע.
לויפט צו דער זיידע צום קאַבאַק
און זאָגט:
„אַזאַ מינס נעמט מען אין אַ זאַק!"
און ער באַשפּייט די הענט

און טוט זיך אַ פאַרנעם
צום קאַכאַק,
ווערט באַלד זיין העמד צעקנאַקט!

קרעכצט די באָבע: „קכאַ־קכאַ,
אַן אומגליק אַזאַ!
כאָטש לאָז אים דאָ ליגן אין פעלד
און שלעפּן צו אים דאָס געצעלט!"
און דער זיידע קרעכצט פאַרשעמט:
„אומזיסט־אומנישט צעפליקט דאָס העמד!"
פּלוצים וואַקסט אַ כעוורע אויס,
און איינער אַ יאַטל, אַזוי די גרויס —
שרייט:
— אָט אַ קאַכאַק!
— באָבע, מיר וועלן דיר העלפן אים שיילן,
און דו וועסט מיט שטיקלעך
אונדז אַלע באַטיילן!
דאָ האָט די באָבע געזאָגט פאַרטראַכט:
— כ'וואָלט אייך אַפילע
נאָך קנישעס געמאַכט!
— נאָר?
— איך קאָן אים ניט רירן פון פעלד!

איז דער יאַטל אַוועק צום געצעלט
און געבראַכט אַ האַק,
און האַקט און האַקט אין קאַבאַק
און צעקנאַקט!

פֿאַר פֿרייד האָט די באָבע
פֿאַרלוירן די צווייטע שקראַבע.
פֿאַרגעסן אין העמד האָט דער זיידע.
זיי האָבן אַ נעם געטאָן ביידע,
און מיט הענט און מיט זאַק,
אַריבערגעטראָגן דעם גאַנצן קאַבאַק!
אָנגעפּילט די קאַמער און די שטוב,
און פֿאַר דער שטוב — נאָך אַ פֿולן גרוב.
אַזויפֿיל איז געווען קאַבאַק!
פֿאַר מענטשן אָבער
איז ער ניט געווען געשמאַק.
אַפֿילע דאָס יאַטל
האָט ניט געקאָנט די קנישעס עסן!
נאָר די כאַזיירים
וועלן עס קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן, —
זיי האָבן דעם קאַבאַק געפֿרעסן
אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר!

דער גרויסער קניש

וואוינט אַ באָבעצי אין וואלד,
מיט אן אייניקל אין וואלד,
מיט אַ גרויסן גרויען הונט — קודלא.
קלויבט דאָס אינגל שוועמעלעך,
באַקט די באָבע זעמעלעך,
און פון גרעזלעך-פישעלעך
באַקט די באָבע קנישעלעך. —
האָדעוועט דאָס אייניקל,
דעם קליינינקן,
און קודלא׳ן.

גייט דאָס אייניקל צום טיש,
וויינט ער:
„וויל איך, וויל אַ גרויסן קניש,
שטענדיק איינע, אַלצואיינע,
שטענדיק קליינע!!!“
איינמאָל קומט ער אף דער גיך,
טוט אַ קוק אַריין אין קיך, —

ליגט אַ קניש, אַ קניש — אַ בער!
גרויס, און הויך, און ברייט און שווער!

„— באַבע, באַבע, עפן טירן,
כ'וועל דעם קניש באַלד איבערפירן,
קודלאַ, גיכער, כ'קען ניט רירן!"

טראָגט מען, שלעפּט מען אים, דעם קניש,
לייגט מען באַלד אים אויפן טיש.
גייט דער קליינער טוט אַ ביס:
אַך!!! —

אַז ס'האָט געטאָן אַ בלאָז!
אַז ס'האָבן זיך געטאָן אַ לאָז
זיבן פויגלען געלע — נאָז! —
העגדום־פּעגדום
פונם קניש.
האַקען, קראַקען,
דרייען, קרייען
אַרום אינגל,
אַרום טיש:
„— קליינער איינער,
דו אַזוינער און אַזוינער! —

קראַ־קאַר, קראַקאַר!
ווילסטו נאָר אַ גרויסן קניש?
קראַ־ק־קאַר
האָסטו דיר אַ גרויסן קניש!!״



קיין פּעטרעשקע ניט ווערט

מידע קינדער אױפֿן בערגל,
אינם טיפֿן גרינעם גראָז.
און אין מיטן באָרעך ברעך,
און באַם זייטל פּיזי־האָז.

רעדן זיי צווישן זיך:
אלע רעדן מיטאַמאָל! —
קריכט דערווייל די נאַכט פֿון טאָל,
שווימט די זון דערווייל אַוועק,
גייען מאַיסעס אָן אַן עק.

נעמט דערציילן פּיזי־האָז:
כ׳האָב אַליין אין מיטן קאַמער,
אין דער זייט פֿון סטערטע שטרוי,
אויפֿגעשטעלט אַ גרויסן האַמער,
און אַף אים צוויי לאַנגע שטרוי.

איז אין האַלבער נאַכט, איך הער,
ווי אין קאַמער עמעץ לאַכט,
עמעץ לאַכט.

עמעץ קראַכט,
און דערנאָכדעם גייט אַ שלאכט...
קום איך מאָרגן,—
אוי!
גאָר פאַרשוואונדן ביידע שטרוי
און דער האמער איבערקערט,
אָט אַזוי!

נאָר אַ וואונדער, קוים צו גלויבן:
אַפן האמער, אַף זיין אויבן
איז אַ פעדערל געליגן,
גאָר אַ מאָדנע פעדערל,
געאָטעמט ווי אַ לעבעדיקס!..

וויפל כ'האָב זיך אָנגעיאָגט,
פעדערלעך צונויפגעטראָגן,
ווייסע, שוואַרצע, אלערליי,
ס'איז צעווישן אלע זיי
גאָר אַזאַ מין נישט געווען,
ניט געווען, און ניט געשען,
אַז דאָס פעדערל דאָס קליינע
גלייכט זיך גאָר ניט צו קיין איינעם! —

איצטער ווייס איך שוין אַף קלאָר,
אַז אַף גאַנצער וועלט און גאָר,
איז קיין אויפעס און קיין פויגלען,
און קיין פויגלעך, קיין געפליגל,—
נישט פאַראַנען גאָר אַזוינע,
וואָס אַ פעדערל אַזוינס
זאָלן האָבן צו פאַרמאָגן,—
דאָס שוין קען איך זיכער זאָגן.

אָבער וועמען דאָס געהערט—
ווער קען וויסן, זאָגט מיר ווער?
קיינער ווייסט, אַוואַדע, קיינער.
דאָך אַן עמעצן געהערט עס
און דער עמעצער, דער איינער,
ער קומט אלע נאַכט אין קאמער,
און מיט אים אַ כעוורע לאַפּ,
און זיי וואַרפן זיך אין סטערטע,
מיט דער שטרוי און מיטן האמער,
און זיי וויכערן אַ וויכער,
מיט אַ רויש און מיט אַ כראַפּ!
און פאַרטאָג די שטרוי פאַרקערן,—
און ניטאָ זיי, און ניט ווערן!..

כאפּט זיך אויף באָרעך בּרען,
טוּט אַ בּליאסקע מיט די אויגן:
ווייס איך וואָס!
ווייס איך ווען! —
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן!
הערט וואָס ס'איז מיט מיר געווען:

ווען געטראָפן האָט די מאיסע,
מיטן קאָטער אונזער ווייסן,
וואָס אַזוי פּאַרצוקט געמיין
איינס אַ טייבּעלע אַ קליינס,
האָב איך שטאַרק אים אָנגעשמיסן,
אים די אויערן אָנגעריסן,
נאָר אַף מאָרגן, זע איך ווידער:
קאָטער אַפן בוידעם גייט.

טראַכט איך:
ע, זייער בּיטער!
קאָטער האָט אַ קאצן־מויעך!
וואָס קען העלפן דען מיין שלאָגן? —

און איך קום אַריינצויאָגן
אין דער שטוּב,
און בּרענג צוטראָגן

מיינע טײַבעלעך,
מײַן פּראַכט,
אַף דאָ נעכטיקן די נאַכט.

איז מײַן מאַמען ניט געפעלן:
„נאָר זיי פּעלן,
נאָר זיי פּעלן
„אין דעם רויכעדיקן גרוב.
„נעם זיי, זאָג איך, צו פון שטוב!"

נו, איז וואָס זשע קען מען מאַכן? —
נאָר די מאַמע זאָל ניט וויסן,
נעם איך מיר אַ פּאָרל זאַכן,
א פּאָר שמאטקעס פאַר אַ קישן,
און די טײַבעלעך צונויף,
און אַף בוידעם גלײַך אַרויף!

אונזער בוידעם,
אונזער בוידעם!
אַלע ווייסן:
נאָר פּאַר שיידעם,
נאָר פּאַר רוכעס,

דאָמאָוויקעס, —
הויכע באַנטינעס
און דריקעס,
שיימעס,
סאַזשע,
אַלטע זעק, —
נאָר פּאַר לייצים און שלעק.

וואָס מיר מוירע, וואָס מיר שרעק? —
אַז די טייבעלעך, די קליין,
אױפֿן בוידעם זיין אליין!
כ'וועל אַליין זיי דאָרט ניט לאָזן!
זאָל זיין שיידעם און שלימאַזלס
און נאָך אַנדערע וויסטע שלעק, —
ערגער איז דעם קאָטערס עק!

און איך מאַך מיר דאָס געלעגער,
און איך לייג זיך באַלד אַנידער, —
ווייס איך דאָך:
איך טאָר ניט שלאָפֿן,
האַלט איך מיר די אויגן אָפֿן,
ווערט אַלץ פֿינצטערער און פֿינסטער,

נאָר אַ שײַנעלע אַ מינדסטער
לאָזט אַראָפּ זיך זייער שוואַך,
פֿון די לעכער אינם דאַך.

נאָר מיר הויבט זיך אָן צו דאַכטן
מאָדנע, מאָדנע,
מאָדנע זאַכן:
וואָס איז דאָרטן?
וואָס איז דאָ?
און בײַם קוימען שטייט אַ „באָ"
און בײַם ווינקל,
ווי פֿון בראָנז,
שטייט אַ גוילעם מיט איין וואָנס.
און די וואָנס איז אַזוי לאַנג,
שלענגלט אויס זיך ווי אַ שלאַנג.
מיט אַ פֿינגער עפּעס וואָרנט,
און דאָס פּאָנים איז פֿאַרצאָרנט...
כ'וויל אַ שריי טאָן,
נאָר קיין וואָרט —
עך!
און איך טו אַ שפּרונג צום אָרט:
ס'איז אַ גאָרניט מיט אַ גאָרניט!!

וואָס זשע אידעס פּאָרט געווען?
אָט: אַ שיין פון לאָך אין דאַך,
אַף אַן אלטן שמאטע זאַק,
האָט געוויגט זיך אַזוי גרוי,
אַזוי קונציק אַזוי גרוי,
און געשראָקן מיך אַזוי.
בין איך נאָכדעם אומגעקראָכן,
וואו אַ לאָך און וואו אַ בראָך,
אלץ, וואָס מיר זיך אויסגעוויזן:
סאַי די קוימענעס, די ריזן,
סאַי די שמאטעס, סאַי די זעק,
די פּאַפּירן גאנצע פּעק, —
אלץ באַקוקט, אלץ באַטאפּט,
מיט די הענט זיי אָנגעקלאפּט, —
און איך זאָג אייך, קינדער, הערט: —
ס'איז קיין פּעטרעשקע ניט ווערט!!

אַמאָל איז געווען

(ערשטע דערציילונג)

איך געדענק די אלטע צייט,
כאָטש זי איז שוין גראָוו און ווייט,
און מיט שטויב, מיט מאָך באַדעקט
און פון קאָפּ ווי אויסגעמעקט.

נאָר סע טוט אַמאָל אַ נאָג
יענער לאַנגער אַרבעטס־טאָג.
איך, אַ ווערוריק נאָך און ווילד,
און באַם זייט אַ קענטלעך בילד.

פון די אייגענע, די פרעמדע,
פון די טעג, ווי אַלטע העמדער,
טוט אַ צי פון גרויער ווייט,
פון מיין קינדערש־שווערער צייט.

* * *

.. אונזער שטיבל אַפן בערגל,
אויסגעצויגן, גלייך סע לויפט.
פון דריי זייטן: — ווינט און שליאַכן,
פון דער פערטער: — איציקס הויף.

ווער ס'איז איציק?—פּאָשעט איציק.
דער, וואָס האַלט דעם גרויסן דראַטש.
דער, וואָס האָט געפּאַטשט מיין טאַטן
און דערנאָכדעם מיך געפּאַטשט.

איך געדענק אַ קאַלטן ווינטער,
מיט אַ כעוורע שטאַרקע פרעסט,
שניי אַף שניי און ווינט אַף ווינטן,
פעלדער גלאַט, ווי אויסגעפּרעסט.

אַף די דערנער זיינען שנייען,
אויפגעהויקערט שאַכט אַף שאַכט.
פענסטער זענען שטאַרק פאַרהוכקעט,
די קאַנורקעס שטאַרק פאַרטראַכט.

בוימער זיי, מיט ווייסע פּאַכוועס
ביזן גאַרטל אַזש פאַרשנייט.
העט, באַם הימל איינגעקריצט זיך,
העט, אַ דערפעלע דאָרט שטייט.

און סע שמועסט שוין ניט דאָס טייכל,
און די דייזשקע כאַפּט א פריר.

שוועלן ווערן פראָסטיק, העכער, —
פראָסטיק, סקריפּענדיק די טיר.

שלעפּט די מאַמע אַרויס די פּוישטן,
טוט אַ קרעכץ: „שוין דאָ אַ לאָך".
נעמט מיין איטקע זיי פאַרלאַטען,
שטעלט לאָפּאַטע גרויסע שטאָך.

הייצט די באָבע איין דעם אויוון,
פלאַמט קוראַי־גראָז מיט אַ קנאַק,
שיינט איר פּאָנים פאַרן אויוון,
און סע פלאַמט באַ איר אַ באַק.

פריילעך ברענט אין אויוון ס'„דריוונע".
טרייבט דער פראָסט, צוריק, צוריק.
דורך די שויבן פלאַמט דער מיזרעך
אין אַ ליכטיקן באַשליק.

אַך, מיין באָבע, ליבע באַבע,
אָפּגעהאָרעוועט אַ וועלט!
קיינמאָל ניט קיין זאַטן ביסן,
שטענדיק פעלט און פעלט...

גלייך זי האָט אַף זיך גענומען
כּאָוּוען טעכטער, כּאָוּוען זין,
צוליבּ איציקן דעם דראטשניק,
אין דער קיך, אין דראטש־מאַשין.

בּאַ די קינדער וואַקסן קינדער,
אייניקס קליינע, יאָדער־קליין.
וואָס זשע אי דאָס איציקס אייסעק,
וואָס ער קוקט זיי אין די ציין?!

ווי מע וואַקסט, און ווען מע יאָרט זיך,
צען איז גוט, איז גראָד די צייט: —
„כ׳נעם זיי צו, נו, פאַרשטייט זיך,
„איך וועל מאַכן פון זיי לייט!..״

בּאַ דעם פייער שטייט מיין בּערל,
וואַרעמט אָנעטשעס פון זעק.
פּאַקט אין שמאטעס אים די מאַמע,
לויפט ער באַלד צום דראטש אַוועק.

דאָרטן אַרבּעט ער בּאַם פּרעס־שטיין,
יאָגט דאָס פערד און אים סע יאָגט. —

פאַר דער שווערער אַרבעט קריגט ער
זיבן קאָפּיקעס אַ טאָג.

און אַ צוגאָב, — אויגנווייטיק,
ווערט אַנטשלאָפן ווי ער שטייט.
טוט אים מאַמע אויס און ברומקעט
און זי שעלט זיך שטילערהייט.

אָט, פון אויוון, רוקט די באָבע,
מאַמעלאַיעס רויט־פאַרפלאַמט.
זי באַגיסט מיט אייל מיט פרישן,
ווערן זיי ערשט רעכט באַטאַמט!

קריך איך גיך אַריין אין הויזלעך,
פּיץ־פּיץ־פּאַץ! — אַף גיך אַ וואַש.
ס'איז שוין שפּעט, אַף די מאַלאַיעס
לויפט שוין אום מיט אייל די פלאַש.

גיט די באָבע צוויי מאַלאַיעס,
בריט אין הענט — אַ וואָרף, אַ וואָרף:
מיט אַזעלכע, נו, פאַרטרייבן
קאָן מען פראָסט פון שטאָט און דאָרף!

שוין פארוקט דעם הייסן אויוון,
שוין פֿאַרשטעקט דעם קוימען־לאָך,
אָפּגעבראָטן צען קאַרטאָפּליעס,
פּלעצלעך גראָבּע אַף אַ וואָך.

האָט די מאמע פּעט פֿאַרפּוצט זיך:
טראַנטעס, שמאַטעס, דאַכט אַ שאָק.
נאָר פֿאַרהוסט זי זיך אַבּיסל,
טוט זי אָן באַלד נאָך אַ ראָק.

שלעפּט זי זיך, דאָרט אונטער הייזער,
היט זי פֿרעמדן סקלאַד געהילץ.
און זי דאַרט אין ווייסער קרירע,
ווערט אלץ בּלויער, בּלוי ווי מילץ.

בּלייבּט די באַבּע, בּלייבּט מיין איטקע,
איך מיט זיי: „דער קליינער שנעק".
איטקע נעמט אַ קלייד און שליארעט,
איך, אַן אַלעף־בּייס איך קלעק.

רוימט די באַבּע אויף אין קעכל,
כאַפּט דעם זאָק, און מיט אַ לויף

וואַרפט פון זיך אראָפ די שקראַבעס,
אפן אויוון קריכט ארויף.

זאָגט מיר: לייבל, נעם מיין שאַלכל,
טו זיך אָן אין מיינע שיך,
טראָג אָפּ בערלען דריי מאלאיעס,
זיי אַ וואוילער, לויף אַף גיך.

„אוי, ס'איז קאַלט מיר"—קווענקל איך זיך—
כ'ווייז אַף איטקען: „זי... זי מעג..."
זע איך נאָך נאָך איין מאלאיטשיק,—
לאָז איך זיך אין שווערן וועג...

לופט איז האַרב און בייז אינדרויסן,
שטאַרקט דעם ווייסן שניי און סמאלט,—
באַבעס לאפּטעקנאש, ער שיצט מיך,—
פאַר דעם צוירער מיך באהאַלט.

כ'שלעפ די גרויסע, האַרטע שקראַבעס,
זיינען קאַלט, זיי ווערן גרוי,
ס'קילן אָפּ מיין בערס מאלאיעס,
און זיי ווערן טויט אזוי.

כ'זע דאָ לאַנגע רינווע־צעפּלעך,
אויסגעשמידט פון פראָסט, פון קעלט.
צעפּלעך־בערד און צעפּלעך־פּאַטלעס,
הוילע צעפּלעך איז די וועלט.

אוי מײַן נאָז, מײַן נאָז, מײַן נעזל,
ס'הויבט אָן טריפן ווי אַ טײַך,
נאָך איין סמאלע ווערט עס צעפּלעך
מיט די רינווע־צעפּלעך גלײַך...

כ'גיב אָפּ זײַנס דעם ברודער בערלען.
קײַט ער גיך און קײַט געשמאַק.—
דאַכט, סע קײַען אויך די שרויפן
קײַען, סקריפּען מיט אַ קנאַק.

כ'לויף אַ היים, ס'איז קאַלט, איך ציטער,
רײַט דער פראָסט מיר אַף דער נאָז.
טרײַסלען זיך די הענט די רויטע
און די אויערן שטײַף ווי גלאָז.

כ'קריך ארויף אַף הייסן אויוון,
מאַכט דער פראָסט דאָ ניט קיין שטיק,

כ׳נעם זיך פּעלצל און צעלייג זיך, —
ווער נאָך האָט אַזאַ מין גליק!..

באַבע דרייט מיט אירע שפּיזלעך,
איטקע נייט אַ באַרג, אַ טאָל.
באָבע, באַבע, נו, דערציייל זשע!
„— אַמאָל, אמאָל איז געווען, אמאָל...״

אין דער וואַסער-פירער
(צווייטע דערציילונג)

גראָווער ווערט דער דרויסן, גראָווער,
זאָגט אונז צו אַ בייזע וואָך.
און דער הימל בלינדלעך, קוקט ער,
ווי מע האַקט אין בוג אַ לאָך.

פאַר בעהיימעס אַ פּאָלאָנקע
שלאָגט מען אָפּ אין טייך באַם אייז.
האַקן העקערס, שפּרינגען שטיקער,—
ביז דער בוג אַן אויג באַווייזט.

טרינקען, קוויקן זיך בעהיימעס:
ווער סע כליעפּטשעט, ווער סע זופּט,
שקאַפּעס פּירקען, לעמער פּירקען,
יעדער קוויקט זיך, יעדער טופּט.

אַפּן פענסטער וואַקסן וועלדער,
אין די וועלדער הערשט דער פראָסט.
נאָך אַ אינדיק—יאָגט אַ יעגער,
און אַ טרעגער טראָגט די פּאָסט.

און די באָבע ברומקעט אונטער,
וואַשט און פּאָרעט דאָס געפּעס.
אַפן קוימען טריקנען שקראַבעס,
קאַפּען טרערן פון די נעז.

און מיין איטקע וואַרפט דאָס נייען,
שטעקט די נאָדל אין אַ פאַלד.
גייט פאַרפרוירן צו צום פענסטער:
צו די כייעלעך אין וואלד.

טוט אַ קוק און כאַפּט דאָס פלעשל,
לויפט אַף גיך נאָך קעראָסין.
דאָ אינדרויסן, גרוסט דער פראָסט זי,
בלויע, ווייטן, גרוי און גרין.

ענגער טוליע איך זיך, ענגער,
צו מיין באָבעס לינקער זייט.
אָט, זי רוימט שוין ניט, זי זיצט שוין,
די מאַכשאָווע טראָגט זי ווייט.

בויגט זי זייער איין די פּלייצע,
און פאַרשנירט דאָס דינע מויל.

טונקל, טונקל, פון איר פּאָנים
קוקן שוואַרצע אויגן־קויל.

עפּעס ווייסן זיי אַוואַדע,
אָט די אויגן,— טיף און ווייט,—
וואָס אַ מענטש איז, וואָס אַ האַרץ איז,
פאַרוואָס אָרעם, פאַרוואָס רייך!

— ס'איז אַנומלט שוין אַ שיינער,—
הויבט די באַבע טרויעריק אָן —
ס'איז אַ הונגער־יאָר, אַ יאַקרעס,
ס'ברעכט אַ ביין, און קלאַפּט אַ צאָן...

אָרעמע־לייט אין זעלכע יאָרן,
וואָס? — קאַדאָכעס גיט זיי קעסט.
נאָר די גווירים אַרט עס ווייניק,—
האָבן האָט מען, און מע עסט.

און מיין טאַטע איז אַ נעמען,
איז אַ נעמען אין אַ מיל.
ביטער איז אונז, ווייל מע מאָלט ניט,
אַלץ איז אָפּגעשטעלט, סע שטיל.

הויבט די טיר אָן אָפּטער סקריפּען,
קיצווע בּעט שוין יענער, דער.
... אַ פּאָר הויזן פאַר אַ בּייגל,
אַ קאַרטאָפליע פאַר אַ שער!

פּינף גילן אַ וואָגן ליאַקעס,
שטרוי אַ בּינטל, — אַ פּיאַטאַק.
פרינדעט מען דאָס אלטע מאלבּוש,
אַלטן לאַפּטיקנאַש און „סאַק".

נו, איז איך, אַ וואסער־פירער,
הייסן הייסט ער אזוי, איך,
ר'האָט פאַרמאָגט אַ ווייב און קינדער,
און אַ פּאָנים אַ צעקריצטט.

ר'האָט פאַרמאָגט אַ בּרודיק פערדל:
בּלינד און קרום, אָן עק, אָן האָר, —
פון בּאַגינען בּיז שטאָק־פינסטער
פלעג דערגייען דעם די יאָר.

ס'האט געשלעפּט דאָס פוילע פעסל,
אַף דער קרומער, בּייזער אָקס.

און די רעדער — ווי שיקורים,
זיך געדרייט, געקניפּט אין פּלאָקס.

איז דאָס גוטע יאָר געקומען, —
האָט געטראָפן אים אין קאַרב:
בּאַ אַזאַ מין נויט און הונגער, —
נו, — כאָטש צי זיך אויס און שטאַרבּ!

ר'איז געווען דערצו אַ כוילע,
גאָר בּאַדאַרפט דאָס שטיקל פלייש.
און געהיקעט — היקעט בּיטער, —
אַזש בּאַשלאָגן פלעג אַ שווייס.

איז געגאַן, דעם קאָפּ אַפּריער,
זיך געוואָרפן ווי אַ פיש.
און געטאַינעט היקעוואַטע:
„כאָ - אָ-ט-ט-טש נעם אַ קנאָ-בּ-ל ר-ר - רייבּ אין טיש!

מיט אַזאַ מין לאָשן מאָלט ער,
ווי די קינדער מאָנען בּרויט,
ווי סע שאָקלען זיך די ציינדלעך,
ווי סע בּלאָטערט זיי די הויט.

איז אַ נאַכט געווען אַ שיינע,
ווי אַ רויז האָט זי געבליט.
... אלע קינדער אין די בעטן,
און דער מיזרעך שוין שאַריעט.

כאַפּ איך אויף זיך, ס׳טוט אַ פוס וויי.—
כ׳פיר פאַרקויפן היינט די קו:
אייל באַדאַריף מען, מעל גייט אויס שוין,
גרייט איך זיך פאַמעלעך צו.

טו איך פאַר דער טיר אַ הינקע,—
זע איך, אַך! — אין ריגל־שפּאַלט:—
עמעץ פּאָרעט זיך באַם זעקל,
גראָבט דאָס מעל, אַ טאָרבע האַלט.

בין איך צו, איין אויג פאַרמאַך איך,
קוק אין שפּאַרע פון דער טיר,
זע איך: איץ, צעלאָזט די פּאָלעס,
האַלט אַ טאָרבע,— רוקט אין איר.

לויף איך צו, וועק אויף דעם טאַטן,
(האָט די מאַמע אויך דערהערט),

כ׳וואַרט, אָט וועט זיך טאַטע אַ יאָג טאָן,
ניין, ער שווייגט און איז פאַרקלערט.

ניין, ער גלעט מיר גאָר דעם שטערן,
מיט זיין האַרטער האַנט, און מילד
הויבן זיך די גרויסע ברעמען:
— „שטער אים ניט, ניט שטער אים, קינד״.

ר׳נעמט מיין הענטל, נעמט דאָס צווייטע,
בויגט מיר פינגער: איינס נאָך איינס.
רעדט גאָר שטיל און האַרציק, האַרציק:
„ביסט אַן אַכזערל אַ קליינס״.

נעמט דערווייל דער איך אין גאַנעק
מעל אין טאָרבע, גייט אַוועק.
הייסט דער טאַטע טיר פאַרשליסן,
זאָגט מיר: „שווייגן, שאַ, אַן עק״.

נודנע לאַנג האָט זיך געצויגן,
אָט די שווערע הונגער־צייט,
ווי אַ שליטן אין אַ בלאָטע
פון אַ אישעוו ערגעץ ווייט.

נאָר סע קומען פרישע הימלען,
רעגנס, רעגנס, בזיל־האזאָל.
פעלדער ג״ען אויף גרעאָטן,
פול דער מאַרק מיט ברויט, מיט וואָל.

הויבן אָן די קרעמלעך דרייען,
באַלמעלאָכעס שוין אין יאָך,
פּריצים טרייבן אין וועלט טשומאַקעס:
קיין אָדעס... און ווייטער נאָך.

שטיי איך ווידער, איינמאָל, פרי אויף,
כ׳נעם דעם האנטוך, נעם די קאָרט,
כ׳גיי ארויס אין אונזער גאַנעק:—
טרעפט־זשע וואָס געפין איך דאָרט?

אַף דעם מעל, דעם זאַק,—אַ קניפּל,
ליגט פון בענדלעך פון פּאַפּיר.
כאַפּ איך ס׳קניפּל, איך צעוויקל:—
הוילע קופּער! צענערס פיר!

כ׳האָב געכאַפּט, און גאָר פאַרכידעשט,
האָב דעם טאַטן עס געבראַכט.

ציילט ער עס, דערנאָך באַהאַלט עס,
איז פֿאַרכידעשט, איז פֿאַרטראַכט.

שפּעטער ערשט האָט אונזער שאָכן
שטיל דערציילט זיך, גלאַט אַזוי,
ווי ער טרייבט די ציג זיך פּאַסען,—
ביז די קני אין גראָז, אין טוי.

זעט ער גראָד, ווי שטיל געניווויש,
איך זאַאיקע רוקט די טיר,
גייט אריין און באַלד צוריק גייט,
וואָס איידאָס פֿאַר אַ מאניר?..

האָבן מיר שוין אַלץ פֿאַרשטאַנען,
אַלץ דערמאָנט זיך מיטאַמאָל...

... ווייטער האָט זיין פּאַס געסקריפּעט
איבער בערג און איבער טאָל...

דאָס זשוקל

אַ רעגן, אַ מאַבּל —
אין געסעלעך שמאָל,
סאַי ריגוועס, סאַי טײַכלעך,
סאַי ריטשקעס אָן צאָל.

סאַי בּוימער, סאַי טוואָרעס
זײַ ציטערן נאַס.
קיין מענטשן, קיין ציגן,
קיין הינט ניט אין גאַס.

נאָר איינער אַ זשוקל,
מיט פיסעלעך רויט,
דאָ דרייט זיך אין ריטשקעס
און שפּילט זיך מיט טויט.

אָט קערט זיך דאָס איבּער,
אוי, גול־גול, און אויס!
אָט שטעלט דאָס אַ פיסל
און רייסט זיך ארויס.

אָט טוט אין דעם קעפּל
אַ טראָפּן אַ קלאַפּ,
און אונטן אַ בולבע
אָט טוט דאָס אַ כאַפּ,

נאָר דאָ גיך אַ שפּענדל,
אַ קרים זיך, א לויף,
אַ נויג זיך צום זשוקל,
און נעמט דאָס ארויף.

דאָס שטעלט זיך אינמיטן
און האַלט זיך גוט צו,
עס שווימט זיך דאָס שפּענדל
און טראָגט ערגעץ וואו·

די ריטשקע, זי בלעבלט,
און זילבערט און בלענדט,
עס טראָגט זיך דאָס שפּענדל
פאַר פריזבעס, פאַר ווענט.

און קומט צו אַ שטיבל,
און טוט זיך אַ שטויס! —

אַריין אין אַ לעכל,
אַריין אין אַ הויז.

דאָ וואוינען פֿאַרשוינען
מיט קינדערלעך דריי,
זיי כאַפּן דאָס זשוקל
און לאָזן דאָס פריי!

פויגל - פעטער

אַזוי פּרי!
אַזוי פּרי! —
פּיטשעריצי — אָט אַ שנעקל!
פּאַשעט שוין זיין ציגל־בעקל,
זינגט זיך צו:
טריטאַטי, טריטאַטו!

און אָן דאָרטן —
פויגל־פעטער,
אין אַ מיץ פון צויבער־בלעטער,
אין אַ ראָק פון פעדערן —
אָך, אַ ראָק פון פעדערן!
בלינק־בלאַנק רעגנבויגן!
גין־גאָלד דורכגעצויגן!

פויגל-פייגלשע געשרייען:

„פויגל־פעטער פליט! —"

גליט זיין רייטוואָגן, גאָר גליט!
איינגעשפּאַנט איז שפּאַרבער־אָרבער,

איז שוין מיד, גאָר שוין מיד,
נאָר די פליגלען דאָך צעצויגן
און ער פליט, פליט!

פויגל־פעטער האָט באַפוילן:
טרייבן זאָלן וואָראָבייען!
טרייבן קליינע
מיט געשרייען:
פּיסטשען,
טשיבטשען,
צוויטשען,
קוויטשען:
„היידאַ, היידאַ, שפּאַרבער־אַרבער,
דו געשטרייפּטער, דו פאַרדאַרבער!
צי שוין, צי!"

פליט מען גלייך אויף פּיטשעריצין.
אַזאַ צוויטשען,
אַזאַ קוויטשען! —
פּיטשעריצי פאַלט אף קני.

כאַפּט אים אויף דער פויגל־פעטער
מיטן בעקל, מיטן גלעקל —

אים אַריינגעשטעקט אין בוזעם.
ליגט דאָרט איצי, ווי אויף פּיזעם.
וואַרעם, ווייך, וויגט זיך — אַך!
און דער פויגל־פּעטער לאַכט.

בריקעווען זיי, בריקעווען,
בריקעווען און יאָגן,
באַרג אַרויף און טאָל אַריין
און טאָל אַרויס זיך טראָגן.

פויגל־פּעטער קאַטשעט זיך
פאַר פריילעכן געלעכטער.
שוואַרצע ראָבן פּאַטשען זיך
און טויבן פליען העכער!

איצי וואַרפט אַן אויגעלע
פון בוזעם שוין פון פּיזעמשן,
פאַמעלעכן, פאַמעלעכן
אַפן פּעטער פריילעכן.

אף זיין אַקסל איינעם, זעט ער,
שטייט אַ פויגל, ערנסט שטייט ער.
האָט זיך איצי אַרויסגעבויגן
שטילערהייט.

זעט ער:
מאָדנע אויגן!
קײלעכדיקע, גלעזערנע,
הערט אַ מריקן הײזעריקס,
דוכט אַ סאָווע?
יאָ, אַ סאָווע אפן פעטערס אקסל שטײט!

און אַ טײַבל
רוט ניט, פליט ניט,
פלאַטערט,
טאָרקעט
פעטערס בלעטער
אפן קאָפּ,
ליבלעך וואָרקעט,
וואָרקעט,
וואָרקעט.

און מען טראָגט זיך װײטער,
װײטער —
און דער רײטוואָגן טראַראַכט.
און דער פויגל־פעטער לאַכט,
אַז ער האַלט זיך בײַ די זײטן.

אונזער פּיטשעריצי שרעקט זיך,
טיף אין בוזעם, טיף פאַרשטעקט זיך.

און דער פעטער פעטשלט אים:
„אוי, דו איצל־פּיצל, קיצלסט!
קום אַרויס, נו, קום אַרויס!" —
און קאַטשעט זיך: —
„כאָכאַכליקאַ וואַכלאַכלאַקעס. .
פּיטשעריצי,
ווילסטו פראַקעס? —
פּאַפּע דראַפּע!
זאָג א וואָרט!"
פּאָפּוגיי — אַ שפּרונג פון אָרט.
שרייט:
„או — אוראַ!
פראַקעס,
פראַקעס
פאַר פראָסטאַקעס!
איצל־ריצל, דיך צעפּיצלען!"

און ווי פּיטשעריצי ז'גרויס
שלעפּט אים פעטער פאָרט אַרויס!

וואַרפט אים הער און וואַרפט אים הין,
גלייך ער וויל אים לערנען פליען,
לאַכט אים גלייך אין פּעניצל.

איז דאָך איצי ניט געוואשן,
נאָך פון איינעכטיקן נאַשן,—
כאַפּט דער פעטער געניצן.

אַזאַ גענעץ האָט דער פעטער!—

באַלד פון מיץ פון פלידער־בלעטער
שאָרכט און שאָרכט און שאָרכט ארויס,
פינקלט אויף און ציט זיך אויס:
איינס — אַ שוועלבעלע אַ קליינס!
און אַ צווייטס
און אַ דריטס
ווייט צום טייך אוועקגעבליצט.

שרייט דער פעטער:
„זאָל מען טרייבן!
זאָל מען יאָגן!
אים די ביינדעלעך צעטראָגן!"

מיינט ער איצין פיטשעריצין?
איצי פלאטערט, איצי ציטערט,
נאָר דער פעטער לאַכט שוין ווידער:
„היידאַ, היידאַ, גיך זיך באָדן!
נאָכן באָדן טייל איך פלאָדן!
היידאַ, היידאַ,
הייס איך אייך —
גלייך צום פויגל־מילך־טייך!"

האָפּ!
א שטעל זיך אָפּ,
דער פעטער
וואַרפט אַראָפּ דעם מיץ פון בלעטער,
כאַפּט באַלד איצין אפן קאָפּ,
לאָזט זיך שוין צום טייך אַראָפּ.

טוט אַ שאָרך דער אָטשערעט:
„שירך־שאָרך,
שירך־שאָרך!"
און עס קומט אַ בושעל־שטאָרך.

זייער שטאָלטנע, גאָר פאמעלעך;
רויטע זאָקן רויטלען פריילעך,

רויטער שנאָבל, — שאַרפע שער, —
שרייט אָט׳העד:
„פעטער איינער, פרעג איך אייך!
דעם אָ קליינעם, — אין מיין טייך?!"

. . . .

נאָר דער פויגל־פעטער לאַכט:
„ס׳איז דאָך איצי־פיטשעריצי!"

. . . .

און ער גייט זיך ווײַטער גלייך.
טוען ביידע אַ פלי אין טעכל,
איז דעם פעטער ביז די קנעכל,
פיטשעריצין ביז די קני.

באָדט מען זיך, פליוסקעט מען,
פריילעך מילך פליוסקעט מען.
און פון ערגעץ זינגט אַ קעלעכל,
שפילט און פליסט אַ וואונדער קוועלכל:
יאָ פאַר זיי, ניט פאַר זיי —
זינגט זיך קליינער סאָלאָוויי.

נאָר פון צווייטער זייט: סע פיקט,
פיקט,
פיקט.

שרייט דער פּעטער:
„הער שוין אויף דאָרט, פּיקהאָלץ, פּיקן!
פּיקט מיט פּיקער!
פּיקט מיט פּיקער! —
לאָז אַ רעגע זיך דערקוויקן!"
און ארויס גיך מיט אַ טומל,
כאַפּט דעם מיץ פון צויבער־בלעטער,
קוקט ער, קוקט ער טיף אין הימל:
„יאָ, דאָרט פליט מיין מאַזיק ליבער!
יאָ, דאָרט פליט מיין אָדלער־גיבער".

פלאַמען פייערדיקע אויגן!
פליגלען וואונדערלעך צעצויגן,
שטאָלץ און שיין אַזוי דערהויבן —
פליט.

און באַלד בויגט זיך פּעטער איין:
„שפּאַן געשפּאַנט און קריכט אַריין!"

ווערט אַ צוויטשען,
קראַקען,
קוויטשען.

פעטער כאַפּט באַלד פּיטשעריצין,
זעצט זיך אויף מיט אים אין וואָגן
און אַליין נעמט אונטעריאָגן,
אונטערלאַכן, אונטערזאָגן:
„פּיטשעריצין אויסגעצוואָגן!
גאָר אַ ציכטיקס,
גאָר אַ זשוואַווע,
פליען מיר טאַקע צו דער פּאַווע,
זאָל זי עפּעס גוטס אונז זאָגן!"

און מען טוט אַ פאַל —
אַ־וואַ!
אין אַ וואַלד אַזאַ, —
בובאַ!

איצין טוט אַ בלענד אין אויגן —
רייבט זיי, — זעט,
רייבט זיי, — זעט:
קוים צו גלויבן:
וואונדערלעכע פּאַווע שטייט.

איז זי, מאָלט אייך, מאָלט אייך, שיין!
און אַ טשוב אף קעפּל קליינס.

און איר שלייף — אַ רעגנבויגן!
איז באַזעצט מיט וואונדער־אויגן!
און זי ציט זיך, פּעסטעט זיך,
פּעסטעט זיך און לעשטשעט זיך —
אָט־אָ גייט זי שוין אנטקעגן
איצין זאָגן,
איצין פרעגן...

נאָר סע שטעלט זי איינער אָפּ׳עט,
אַזאַ גרויסער, גרויס: —
אין אַ מאַטענע אַ רייכער,
מיט אַ בייכל,
אָן אַ שניפּס,
זאָגט איר עפּס זייער ליבס...
פּעטער רופט אים: סטראַוס־שטרויס.
קומט שוין פּאַווע נעענטער,
נעענטער,
און ווידער שטייט:
פויגל דער גאַניידנדער
דאָ פאַרביי איר דורכגייט.
נו, פאַרהאַלט זיך פּאַווע ווידער,
וואַרט, דער פויגל זאָל אַריבער,
נאָר דער פויגל האָט אַן עק —

איז ער עס אַביסל לאַנג!
איצין טוט עס זייער באַנג, —
וואַרטן מוז ער.
שוין גאנײדנדער אַריבער,
ציטערט איצי, ווי אין פיבער,
און סע נאָגט אים, זאָל זי זאָגן,
וואָס זי האָט צו זאָגן גוטס!

פּאַווע הויבט איר קעפּעלע,
עפנט אויף איר שנעבעלע:
פּלוצים — טראַך! —
ס'איז אַ קראָ,
אַ קראָ אַראָפּ,
קראַקעט גראָב:
„יאָ, מיין פּאַווע,
ס'איז דיין אויסזען עפּשער זיס!
נאָר די פיס, דיינע פיס!
קירראַ —
מיעס!"
בלייבט די פּאווע ווי געלעמט,
און פאַרשעמט,
אוי, פאַרשעמט!

ס׳האָט דעם פעטער שטאַרק פאַרדראָסן,
און צום ראָב געטאָן אַ לאָז זיך:
„וו־אָ־אָ־אָ־ס?!?!״
און דערנאָך מיט גוטן קאָל:
„פּיטשעריצי, גיי אַהיים...
כ׳דאַרף מיט ראָב דאָ איבערשמועסן...
איצט קיין צייט ניט... זעסט אַליין...
וואַרט שוין אף אַן אנדערש מאָל!״...

פריצי דאס דייטשישע אינגעלע

קינדער קליינע,
קלענער,
קליין —
אַף די שטיינער פון באַסיין.

כוואַליעס,— גלעזלעך קאַלטע,
שיפלעך — ווייַס־צעשטראַלטע,
ווי די פערדלעך צעפּאָלאָכעט,
מיט די זעגל־טיכער פּאָכן. —
שיין!

פריצי שפּרינגט און קלעטערט,
מאַקסי שפּילט דאָ אויך. —
מאַקסי איז אַ פּעטינקס,
אַ קעפּל אַף אַ בויך.

און דער לאַנגער פּענטעפּער,
און דער שוואַרצער גריף,
בעטן אלע פּעטערעס
נעמען זיי אין שיף.

— שאַ, ווער וועט דעם גרוב אַריבער?
— אין געוועט, איז אין געוועט!
פונם שטיין אַף יענער ברעט.

מאקסי וויל דער ערשטער זיין!
שטאַרק צעלויפט זיך און—
אַריין!..

אויפגעבורעט וואסער־בלעזלעך,
אלעמען פאַרשפּריצט די העזלעך.
— זע נאָר, זע:
לאכן, אָכן.—
לערער זאָגט בין ניט צעקראָכן.
ווען איך בין אַ קאַפּ נאָר גרינגער,
וואָלט איך באלד אריבערשפּרינגען.
וואָס זשע, ניט?

פריצי רייבט די הענטלעך,
אויגלעך בלוי צעגליט.
— איינס, צוויי, ההעט!—
געוואונען דעם געוועט!

אַלע שרייען,
און אַף פריציס העלן פּאָנעם
שיינט אַ קלייען באַ אַ קלייען,

און ער לאָזט אַוועק זיך, קלעטערט,
גיכער, גיך, פון שטיין אַף שטיין,
הענט און פיסלעך, בוים אין בלעטער
פלויט און פלאָנט.
פלוצים ערגעץ בלייבט ער שטיין,
שרעק־דערשראָקן,
זיך דערמאָנט:
פאָטער־מוטער אין דער קירכע,
טפילעס קלאפן.—
און ער: דאָ גאָר:
העפ, העפ...
אוי, קלעפ!
אוי וועט ער כאפן
קלעפ!

שרעק־דערשראָקן,
שפרינגט פון ברעט,
שפייט אַף הענט,—
די לאָקן גלעט.
פאָטער־מוטער
קומען צו:—
„— אָך, דו!"

און אין דר׳היים:
אײנס,
צװײ,
נאָך.
פּריצי װײנט.—
איבּער לײבּ,
איבּער בּײן
װעלן אַ װאָך
סיניאקעס שטײן!..

מוטער בּרומט:
— קינדער זענען שטענדיק שלעכטע,
און דאָס שלעכטע דאַרף מען בּרעכן!
אײנס, צװײ,
נאָך!
פאַר אַ שטראָף,
אָט דאָ אין לאָך,
אָפליגן אַ גאַנץ מעסלעס,
מיט אַן אָפענעם געזעס.

„... בּיז װעסט װערן עלטער, גרױס, —
זאָל פון דיר דאָס שלעכטס אַרױס!״

קאַרל ליבקנעכט אפן קייסערס באַלקאָן

צום קייסערלעכן פּאַלאַץ
אין בערלין,
צום מיטלסטן באַלקאָן
אהין,
אהין,
אַהין:

מענטשן,— פלאָנט אין פלאָנט,
קאַליקעס פון פראָנט,—

אַהין,
אהין,
אהין,—
צום מיטלסטן באַלקאָן!

האָט ווילהעלם דערהערט,
שרייט ער צו זיין פאָלק,
ווערט זיין שריי פאַרזינקען
אין געשריי פון פאָלק.

ברומט און ברומט און קאָכט,
דונערט עס און ברויזט:

— „קייסער!
קייסער!
קייסער!—
קייסער, קום ארויס!"

איז ארויס דער קייסער
באַלד אַף דעם באַלקאָן.—
פילט ער, אַז דער צאָרן,
ווי אַ יאַם א הייסער,
הויבט זיך צו זיין טראָן.

זאָגט ער עפּעס יאָ,
זאָגט ער עפּעס ניט,
און אַ פלוצים שווייגן
יעדערן פאַרציט.

אונטן אפן דנאָ,
וואו ער וואַרפט אַ בליק:—
בורעט דאָרט און גליט
ליאַרעם און פאַרדראָס,

רוקט ער זיך צוריק,—
צוריק אריין ִאין שלאָס!

טוט אַ קאָך:
— „נידער!
„נידער!
„נידער!
„האָך!
האָך!
האָך!"

און ווידער שטיל.
און שטיל,
סע גרוילט:

דער באַלקאָן איז הויל,
איז הויל.

ס׳הענגט פון אים
דער גרויל אַראָפּ,—
איבער אלעמס
גרויסן קאָפּ.

שרייט די מאסע,
דונערט זי אויס:
— זאָל דער קייסער בּאַלד ארויס!

אָט...
דערוואַרט...
— ווער?!
— אָך, ווי קומט ער גאָר אַט'הער?!
מע בּלייבּט פאַרשטאַרט.
שטיל
און שטיל
און שטיל
און שטיל:
אַף בּאַלקאָן
אַ מאַן,
פּראָסטע קליידער אָנגעטאָן,
ציוויל.

הויבּט זיין האַנט,
קלאָר זיין שטים,
טוט אַ פּראַל פון דעם בּאַלקאָן,
ווי זון,
ווי פרייד אַף גרויסן יאַם.

טוט דער יאַם א הויב די הענט,
ס'האָט דער יאַם זיין העלד דערקענט,
אַ ברום,
א קרעכץ:
„קאַרל ליקבנעכט!"
און איבער קעפ וואקסט אויס א פאָן:
„אונזער קאַרל!"
„עס לעבע די
רע
ווא
לו
צי
אָן!"

בערטשיק

געשענקט דער האָלעסקאָווער שול

ס׳איז אַן עמעסע געשיכטע,
און דערציילן איז קעדאי,—
ווער ס׳וויל נאָר — בלייבט זי הערן,
ווער ס׳וויל ניט — דער איז פריי.

ס׳האָט מיט מיר אַליין געטראָפן,
מיט מיין בערטשיק, יאָ, מיט אים.
זאָל אַזוינס שוין מער ניט טרעפן
ניט מיט אייך און ניט מיט מיר!

ווען איך האָב אים נאָר דערזעען,
האָב געגעבן זיך דאָס וואָרט:—
דער מוז מיינער זיין אַף אייביק,—
דער וועט אויסוואקסן אַ כאָרט!

און געשענקט אים אָט אַ נאָמען:
בערטשיק. בערטשיק,— שענסטער הונט!—
כאָטש אַ דאַרער: הויט און ביינער,
נאָר ווי שיין און קלוג און געזונט!

כ׳לויף אַהיים — אוי, מאמע, עסן!
מיש צונויף דאָס גאנץ געקעכץ!
כ׳האָב קיין צייט ניט — אַך, זאָלסט וויסן,
וואָס כ׳האָב היינט געפּאַקט אַ רעכטס!

כ׳האָב פאַרנאַרט צו מיר אַ הינטל
מיט די רעפּטלעך ברויט מיט שמאלץ, —
האָסט אַזאַ מינס ניט געזעען: —
דאָס עסט צוקער! דאָס עסט זאלץ!

ס׳האָט אַזוינע ווייסע פיסלעך,
דינע — דין, מיט זיידן־האָר.
ס׳מאַכט זיך פאַר אַ גאנצן גרויסן, —
כאָטש אינגאנצן אלט אַ יאָר!

הערשל זאָגט: ס׳א שפּירער־שפּיצל,
כאנקע זאָגט: ס׳אַ פּראָסטער דאָג, —
אייסעך־ווייסעך, — רייץ איך אָן אים —
זאָלסטו זען, ער טוט אַ יאָג!

היינט זיין עקל מיט די פראָנזן!
ווען ער פאָכט מיט דעם אַזוי —

גייט אַ ווינט, אַ ווינט אַ קילער,
אַזש אַף דר'ערד צעקערט די שטרוי.

אויגן, פינקטלעך ווי זיין מאַמעס,
נאָר דאָס פּיסקל — גלאַנציק־גרין.
און די ציין, ווייזט אויס, געפּוצטע
און דאָס צינגל — רויט און דין.

ער האָט פיינט, אַז מע צערייצט אים,
אַז מע פּירט זיך מיט אים האַרט, —
וויפל כ'האָב זיך אָנגעמאטערט,
ביסקל איך האָב אים פאַרנאַרט!

כ'האָב אים שוין געלערנט זאָגן:
— ליין אַ בריוו! — טוט ער אַ ניס!
ווען איך זאָג אים: שטעל זיך, בערטשיק! —
שטעלט ער באַלד זיך אַף צוויי פיס!

גיב מיר, מאַמע, פליישׁ אַ שטיקל,
נאָך אַ שטיקל, ס'מאַכט ניט אויס! —
גיב אַ פלעצל, גיב אַ הערינג: —
ר'האָט אַ מויל אַזוי די גרויס!

און ער איז בּאַ אונז געבּליבּן,
עסן האָט ער: — בּיינער, בּראָק. —
בּערטשיק ווערט אַלץ גרעסער, פולער,
ווי די זון מיט יעדער טאָג.

אין די נעכט אַליין אינדרויסן,
היט דעם הויף אַף אלע פיר;
יאָגט די קעץ און יאָגט כאַזיירים,
פּילדערט, שרייט, צערייסט זיך שיר.

נאָר סע בּלאָזן זיך די שכיינים:
„— נו, א הונט! אַזאַ מין נאַכט!"
נאָר איך ווייס, ווען ניט מיין בּערטשיק,
וואָלט מען אלעם אומגעבּראַכט!

נאָר איך ווייס, ווען ניט מיין בּערטשיק,
וואָלטן לאַנג שוין ניט געוועזן:
סאַי די גענז און סאַי די הינער,
סאַי אַ שטיינדל אַף אַ שטיין!

ווייל ס׳אי דאָ גענוג נאָך סאָנים,
און „פּינערן" זיין נאָך קליין,

גר־נו, מיין בערטשיק קען די סאָנים,
ווייסט, ווער פאלש איז און געמיין!

אָט, אַשטייגער, ווען אַ כאָפּטע —
די, וואָס גאַנווענען די פערד,
איז אַריין צו אונז אין קאמער, —
אויסגעוואַקסן, ווי פון דר׳ערד.

און צעשלעפּט דאָס היי, די סיטשקע,
און פּאָלאָווע זאַק נאָך זאַק,
גוט, וואָס ניט דערזען די קלייען
ניט געפּאַקט די נייע האק.

און אין שטוב מע הערט ניט גאָרניט,
מ׳איז פאַרשלאָפן שווער און הארט, —
כאָטש מיין בערטשיק רייסט זיך, פייערט,
גראָד איז ער אין שטוב פאַרשפּאַרט, —

ביז ער, — טראַך! — צעבּרעכט אַ טעפּל —
כאַפּט זיך באלד די מאמע אויף,
שמיצט אים גלייך אַרויס אינדרויסן,
ווערט אינדרויסן אַ געלויף.

אַ געלויף און אַ געדרודער,
ס׳טשקע שיט זיך, ס׳ברעכט אַ ברעט;
שרייט די מאמע: „אוי, גאַנאָיוים!״
פליט דער טאטע באַלד פון בעט.

און מיר, קינדער, נאָכן טאטן,—
פאַרן טאטן בערטשיק לויפט,
און מיר שרייען: „גוואַלד, גאַנאָווים!
ראַ-טע־וו־ע־ע־ט!״

ערשט דערנאָכדעם האָבן אַלע
גלייך געזען, ווער בערטשיק איז:
מ׳האָט אים אָנגעהויבן קעכען,
לאַשטשן, שמעכלען צו אים זיס...

און ער ווערט מיין ליבסטער כאַווער
און דער בעסטער פריינט אין שטוב;
העלפט מיר זינגען, העלפט מאַרשירן,
וואַרט מיך שאָען לאַנג באַם קלוב.

גייט דער זומער, פריילעך גייט ער.
נאָכן זומער, גייט דער הארבסט.

פעלד איז הויל, נאָר שטעקנס שטייען, —
קאָנסט זיך שניצן, וואָס דו דאַרפסט.

גראָב קאַנאַלן, מאַך סורינעס,
כאַפּ א יאַשטשערקע באַם עק. —
בּערטשיק ווייסט כ'האָב ליב איזשאקעס,
לויפט ער אום און שמעקט און שמעקט.

ציט דער הארבּסט אַריין אין ווינטער,
וואָס איז ווינטער? — שניי און גליטש.
קלאָר און מונטער, — אלע קינדער,
ווי דאָס קינדער־בּילד אילאיטש'ס!

נאָר וואָס מיר האָט זיך געטראָפן,
האָט זיך קיינעם ניט, — איך שווער.
אַז דעם אייגענעם בּערטשיק מיינעם
זאָל פאַרניכטן! און נאָך ווער? —

איך אַליין! נאָר וואַרט, פּאַמעלעך. —
ס'שטייט אינדרויסן אונזער הויף.
וואו זאָל ווינטערן מיין בּערטשיק?
איך? — איך זאָג: אַפן אויוון אַרויף!

שפרינגט ער אַפן אויוון, בערטשיק,
וואָס ארט עס אים? ס׳איז היימלעך, ניי;
באקט מע קנישעס,— זאל מען באקן!
וויל ער פלעצל? — באלד דערביי!

נאָר דער טאַטע שרייט: — „אינדרויסן! —
אַ הונט דאַרף היטן, זיין אין הויף!"
און די מאמע לאַכט: „אַוואדע, —
אָפּגעדרייט פון פלויט אַ שרויף!"

הערט מיין הינטל, ווי מע זידלט,
שטרעקט דעם קאָפּ אויס, זאָגט קיין וואָרט, —
מיטאַמאָל, — אַ שפּרונג פון אויוון
און אינדרויסן, לייגט זיך דאָרט.

נעמט דערוויל דער ווינטער שפּילן
אַפן רעכטן גראָבן באַס.
שטעלט דעם טייך אָפּ, שנייט ביז דעכער,
כאַפּט באַ נעזער, פרירט דאָס פאַס.

איינמאָל, כ׳שנייד אַ וועג צום ברונעם,
כ׳שרייב מיט שטאָק אַף שניי אַ בריוו,

בערטשיק שטופּט דעם קאָפּ אין שנייען,
שפּרינגט און פּאָרקעט זיך טיף-טיף...

גייט אַדורך מיט גלאָז אַ קעסטל
אונזער גלעזער אַרקע זוס,
גאַנוועט שטיל זיך אונטער בערטשיק,
כאַפּט אים אָן באַם לינקן פוס.

אַך, אַז אַרקע מאַכט אַ ליאַרעם:—
„איי־איי!—אַ מעשוגענער הונט!"
סע ווערט אַ גוואַלד, און איך, איך טאַינע:
ניין, אוי ניין, דער הונט איז געזונט!

כ'טרייב אים:—בערטשיק, ס'א סאַבאָנע!
אַוועק, אַנטלויף, נו, הונט דו,—העט!
נאָר איך זע און ווער דערשראָקן:
כ'זע ער הערט ניט, וואָס איך רעד.

ס'וואַרפט מיט אים, ער שטרעקט די צונג אויס,
רוקט זיך ווידער געבן אַ ביס.—
האָט פּעטער זוס מיט זיין שטיוואָליע
אים מיט קראַפט געטאָן אַ ריס!

האָט אַ פּלי געטאָן מיין בערטשיק,
שרעקלעך זיך צעווײנט, צעבילט,
און נאָכן אייגענעם עק פאַרדרייט זיך,
ווי אַ ווילדער גיך, געשווינד.

„אַך, אַ שאָד אַזאַ מין הינטל״ —
זאָגט דער שניידער שולי־שער —
שווער דעם הונט דער ערשטער ווינטער
האָט ניט אויסגעהאַלטן, דער״.

האָבן אינגלעך אויסגעשריגן:
„בערטשיק משוגע! משוגע — יאָ!״
„מע דאַרף אים טויטן!״—שרייט דער גלעזער—
„בעורע, שטעקנס! היידא! — האָ!״

און מיר לאָזן זיך נאָך בערטשיק, —
איך, — איך אויך, מיט אַן אוראַטש. —
בשרײַ, איך וויין און לויף פאַר אלע,
ווי צעדולט און ווי צעפּאַטשט.

בוויל, ער זאָל שוין גיכער שטאַרבן.
בקען ניט זען, ווי בעורע־לײַט —

שטעקנס וואַרפן אים און טרעפן,
ס׳רינט אים בלוט פון מויל, פון זייט.

כ׳וויל, ער זאָל שוין גיכער שטאַרבן,
ר׳לויפט אין פעלד, מיר לויפן נאָך.—
... דאָס פעלד האָט רו דעם הונט געגעבן
און צעבליט מיט ווייץ דערנאָך.

און נאָכן בליען גייט דאָס שניידן!
נאָכן אָנהויב גייט דער סאָף!—
נאָכדעם זייט מען, שניידט מען ווידער,
שלאָף־זשע, פריינט, מיט זיסן שלאָף!

לעמל נאַשער

1

איך קאָן אַ אינגל לעמל, —
אַ פּייער נישט קיין יונג,
רוכעשע צוויי אויגלעך,
אַ גלעקעלע די צונג.

דאָס היטל אָן אַ דאַשעק,
דאָס מײלכל אָן אַ שלאָס,
סע קוואַקעט ווי אַ פרעשל,
סע פלאַפּלט אָן אַ מאָס.

קוועקזילבער — די פיסלעך,
זיי שווינדלען הין און הער,
גיכער, ווי דאָס קעצל,
ווי ס׳ציאַפּעקל, נאָך מער...

אַך, איז ער אַ נאַשער,
אַ וואוילער פינגער־לעק!
ער האָט אַ קונציק נעזל,
און דאָס האָט אַ געשמעק!

באַהאַלט פֿאַר אים זיין מאַמע
עפּעס אַף אַן אָרט,
שמעקט ער באַלד און גישטערט
און געפֿינט דאָס פֿאָרט.

2

זומער, אַך אַ זומער!
פֿול מיט אויבסן־שלעק,
קאָוועגעס אין שטאַלן,
עפּל אין די זעק.

זייערט מען, מע פּרעגלט —
זויערס, איינגעמאַכטס,
קאָכט דאָס גאַנצע שטעטל
פֿון פֿאַרטאָג ביז נאַכט.

זידן פּייער־פֿאַנען,
דרויסן לעבט און ראַשט.
אין די טעג האָט לעמל,
אַך, האָט ער גענאַשט!

פֿלוימען, עפּל, ווײַנשל,
ווײַמפּערלעך און נאָך,

איינגעטונקט אין פרעגלעכטס
איז ער גאָר די וואָך.

און אויך לעמלס מאַמע,
לייטן גלייך אַזוי,
האָט זי אָפּגעפּרעגלט
איינגעמאַכטס אַ סלוי.

גוט פאַרמאַכט, פאַרבונדן,
איינגעשנורט מיט שטריק,
אים פאַרוקט אַף הרובע,
ווייט פון לעמלס בליק.

נו, האָט זי באהאלטן,
ווער זשע דאַרף אים דען?
ווייסט פון גאָרנישט לעמל,
וואָס און ווער און ווען...

איינמאָל איז זיין מאַמע
ווייט אין מאַרק אַוועק,
איז געבליבן לעמל,
שפּילט ער זיך, דער שנעק.

קערט דאָס טישל איבער,
טענצלט אַף דער גיך,
בינדט צום פוס אַ האנטוך,
הוידעט, הוידעט זיך.

כאפּט דעם געלן קאָטער,
טוט אים אָן אַ ברילֿ,
שלעפּט דער מאַמעס קליידל,
מאַכט זיך פרום און שטיל.

שלעפּט ארויס אַ קאָפּטל,
מאַכט פון דעם אַ באַל,
וואַרפט אים, ביז אַף הרובע
טוט דער באַל אַ פאל.

טוט אַ הויב זיך לעמל,
טוט אַ קוק: אוי, אוי! —
ס׳שטייט דאָך אַף דער הרובע
איינגעמאַכטס אַ סלוי!

כאפּט אַ באַנק צום הרובע,
בענקל אַף דער באַנק,

בענקעלע אַף בענקל —
לעמעלע דערלאַנגט!

האָפּ, און נישט געציטערט,
גרינגער פון אַ שטרוי,
זיצט ער אַף דער הרובע
גלייך שוין מיטן סלוי.

בינדט ער אָפּ די שטריקלעך,
ווערט פאַרשוויצט, פאַרברענט,
אינם סלוי אַריין באלד
גלייך מיט ביידע הענט.

כאַפּט און לאפּט און קוויקט זיך,
גיסט און שלינגט און לעקט,
קלעפּט זיך אים דאָס פּאָנים,
ווערט מיט רויטס באדעקט.

ביז סע ווערט אים נימעס,
קוקט ער שוין אין זאפּט,
זאפּט איז ווי אַ שפּיגל,
זעט ער זיך און גאפּט!

קרומט זיך, דרייט די פּיסקעס,
טוט מיט מויל אַ קלינג,
שטופּט דעם קאָפּ צום שפּיגל,
אים לעקן מיטן צונג.

3

לעמל האָט אַ כאַוועך,
פּאַסט ער גראָד פאַר אים,
גאָר אַ פריילעך אינגל —
מענדעלע באַרים!

קומט ער פונם לערנען,
פאַלט אים פּלוצים איין,
וואָס זאָל לעמל נאַשער
היינט און שול ניט זיין?

גייט אַריין צו לעמלען,
קיינער איז נישטאָ,
ערשט אין קיך דערהערט ער,
שמעק איז דאָרט דאָ.

קומט אַריין פאַמעלעך,
שטיל און שטיל אַזוי,

און דערזעט דאָרט לעמלען
מיטן קאָפּ אין סלוי...

שטיקט אים אַ געלעכטער,
האלט ער זיך קוים איין,
פאלט אים איין אַ שפּיצל,
גייט ער שטיל אַריין,

ס׳בענקעלע באַלד כאפּט ער,
ס׳בענקל און די באַנק,
שטעלט אַוועק זיי ווייטלעך,
שטיל און אָן אַ קלאַנג.

און אַרויס אין דרויסן
מענדעלע דער שנעק,
בלייבט שוין אַף דער הרופּע
לעמל פינגער-לעק.

4

ווייסט פון גאָרנישט לעמל,
ווייסט אָבער די טיר,
טוט זי שטיל אַ זינג זיך,
טוט זי שטיל אַ ריר.

גיט אַ כאַפּ זיך לעמל,
נעמט אים אָן אַ שרעק —
ווייט פארוקט די בענקלעך,
אַזש אין צווייטן עק!

ס׳אויסגעשמירטע פּאָנים
איינגעקלעפּט אין זאפּט,
רירט זיך, קרימט זיך ווייגען,
שרעקט זיך, דרייט זיך, גאפּט.

שפּאַרט ער זיך בּאַ ווענטלעך,
וואַרפט אַראָפּ אַ בּליק: —
אַך, ווי הויך! — דערשראָקן
כאַפּט ער זיך צוריק.

האָט אַ יאט געטאָן דאָס,
אַ וועוויריק צי אַ מויז? —
ער פאַרקרימט זיך פּלוצים,
גיט אַ כליפּ אַרויס.

כליפּ און כליפּ און כליפּעט,
און צעוויינט זיך גאָר.

און די פייכטע העגטלעך
אין די נאַסע האָר.

וויינט אַ שאָ, אַ צווייטע
און קיין הילף נישט קיין,
נעמט ער סלוי אַרומעט,
דרימלט שטיל זיך איין.

דרימלט מיטן קעפּל,
אָנגעשפּאַרט אין סלוי,
כאָלעמט אַזוי לעמל,
איז אים גוט אַזוי...

5

קומט אַריין אין צימער
מענדעלע באָרים,
און אַ כעוורע אינגלעך
באַלד אַריין נאָך אים.

מהאלט זיך בּאַ די מיילער,
שטיל און שטיל זאָל זיין,
בּויגן זיך און קרימען,
האלטן זיך קוים איין.

נעמט מען זיך פאַר הענטלעך,
שטעלט מען גלייך זיך אויס,
פּלוצים קעגן לעמלען
טאנצט מען, שיסט מען אויס.

„לעמל, לעמל נאַשער,
האָסטו דיר אַ פּסאַק,
קוק אַראָפּ, מיר האָבן
איינגנעמאַכטס אַ זאַק!..!“

גיט אַ כאַפּ זיך לעמל,
ס׳הערצל טוט אַ גרים,
ער טוט אַ פּלי פון הרובע
און דער סלוי נאָך אים!

הירשקע ביק

מיר קענען אים אלע
בײַ אונדז אינם שטעטל:
אַ אינג ווי אַ אינג,
ווי אַ רינג אין אַ קייטל.
מיט פּעטערס אָן צאָל,
מיט מומעס אָן צאָל,
מיט האַמער
און דראַטווע
און נאָדל
און אָל.
שטענדיק: טוק־טוק. —
און טוק־טוק אין די שלייפן,
און אוי, אַ פּאַרדינסט —
די אויגן אין רייפן.
און רוי ווי שפּאַלטיוקע
זיין אָרימע הויט.
סע כאַלעשט דאָס האַרץ
נאָך אַ ריפּטעלע ברויט...

סע ציט זיך די צייט —
טויזנט טעג אין אַ יאָר...
ער דראַטעוועט שיכלעך
אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר.

איינמאָל איז ער פונם שטעטל אַוועק זיך.
מע האָט ניט געוויינט
און מע האָט ניט געעקט זיך. —
אַ אינג ווי אַ אינג, —
מיר האָבן זיי קארג?
פון קייטל — אַ רינג,
אַ שטיינדל פון באַרג!..

דערנאָך...
און מע הערט...
און מע שטוינט
און מע הערט,
סע וויגט זיך דאָס שטעטל
מיט האמער און שער:
„— פּאָלוטשעט אַ בריוו
„אַף אַ בויגן פּאַפּיר, —
„הערשעלע ביק, —

„קאָמענדאַנט פון סיביר!“
דערנאָך האָט מען ווידער
גערעדט און דערציילט:
„ס'האָט לענין געזאָגט,
„אַז נאך הונדערט אונז פעלט! —
„איין הונדערטל ביקעס,
„ווי הערשעלע ביק: —
„טרעפט מען דער וועלט דער בורשוויסקער אין פיק,
„ברענגט מען אַראָפּ אַף דער וועלט אונזער גליק!“

געגאַן און געגאַן
און געזיגט
און געשטייגט,
און איצטער אַ פייג שוין דער דראַטווע,
אַ פייג!
און אויס באַלעבעסל
און בענקעלע — אויס!
אַ מלוכע־פאַבריק שוין —
אַזוי די גרויס!
אַזעלכע מאַשינען! —
אַ ריז און אַ ריז,
עלעקטרישע דראַטווע,

עלעקטרישער שפּיז.
און הירשקע—
מיט אלעמען נאָענט באקענט,
און פלינק זיינען הענט
און גרינג זיינען וואָכן
און פלינק זיינען יאָר—
די אַרבעט זי ברענט,
די אַרבעט זי פלאַמט,
אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר,
אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר!—
דעם אַרבעטער, פויער,
דעם בויער,
דעם לאַנד!

אין איינעם אַ שטעטל:
אַ קלייט באַ אַ קלייטל,
אַ דראָנג און אַ ברעטל, —

האָט געוואַקסן אַ יונג,
מיט אויגן ווי ליסקעס,
מיט אַזעלכע פיסקעס,
מיט אַזאַ מין אָ שלונג!

ווער ביכער, וואָס ביכער?
אַבי נאָר וואַרעניקעס גיכער!
און פאמפעשקעס אין אייל,
און וואַרנעטשקעס פון מעל. —
אַ שיסל נאָך אַ שיסל,
נאָכדעם נאָך אַ ביסל.

איידער ער שלינגט נאָך אַראָפּ,
ווינקט ער שוין צום טאָפּ:
„פּאָפּ, פּאָפּ, — נאָך עפּעס דאָ?"

און ער קערט אים איבער, —
האָפּ!

אָט אַזוי: פּרעסן און נאַשן. —
ווער וואַשן? וואָס וואַשן?
אָט אַזוי: שטראָדל און פלאָדן. —
ווער באָדן? וואָס באָדן?

ווער וואַסער? וואָס זייף? —
דאָס קויטיקייט נעמט אים אַרום ווי אַ רייף.

דאַרף זיך דאָרט טרעפן —
סע טוט זיך די טיר אָן עפן,
און סע שטעלט זיך אַריין,
אין אַ כאַלאַט פון ליין,
אַזוי הויך און דאַר: —
דער סאַניטאַר.
און אונטער אים: צוויי מענער, —
איינער פון צווייטן ניט קלענער.

און סע זאָגט סאַניטאַר
ניט ווייניקער, ניט מער:

„אָט אָ דער!“
און ווייזט אַפן יונג.

ווי דער יונג האָט דאָס דערהערט,
האָט זיך בּאַלד איין אויג צעטרערט,
און דער וואַרעניק —
ניט אַהין ניט אַהער,
איז געבּליבּן שטעקן אין שלונג...

טוט סאַניטאַר אַ זינג ווי אַ טרומייטל:
„— די כאָלערע גייט אום אין שטעטל!
„אַזאַ יונג,
„אַזאַ שלונג,
„אַזאַ בּרוד,
אַזאַ שמוץ —
נעמט אים, דעם בּוץ!
שלעפּט אים אין וואַנע!
לאָזט אַף אים אָפּ די קראַנען!“

די צוויי מענער, —
וואָס איינער פון צווייטן ניט קלענער, —
האָבּן אַ הויבּ געטאָן הענט,

זיך אָנגעבלאָזן ווי בערן
געגומען זיך רוקן באַ וועגט:
ג ע מ יי נ ט ד ע ר י ו נ ג וו ע ט ז י ך וו ע ר ן,—

ווייסעך וואָס!—
בוץ האָט נאָר אַ שמאָרע געטאָן מיט דער נאָז,
זיך פאַרטאַיעט:—
און גאנץ רואיק דעם וואַרעניק דערקאָיעט...

דערווייל האָבן די צוויי מענער,—
וואָס איינער פון צווייטן ניט קלענער,—
גענומען צעקעמען דעם באָכער די לאָקן,
און אויסטאָן די שיך מיט די זאָקן,—
ווער זאָקן? וואָס זאָקן?—
איינגעבאַקן אין די פיס.
און סע שמעקט, אוי שמעקט!—אַ ניס ,נאָך אַ ניס!

פריער די מענער,—
וואָס איינער פון צווייטן ניט קלענער,—
און באַלד אַליין דער סאַניטאַר:
אַ ניס און אַ ניס, דאָס מויל אים צעשפאַרט!
„— העפטשו!—וואַרפט אים אין וואַנע...

„מיט די זאָקן וואַרפט אים... העפּשטוּ,
„עפנט אויף, העפּשטוּ, די קראַנען...
„העפּטשוּ — הו־הו!..."

האָבן די קראַנען גענומען שפּאַרן
אין יונג, אפן יונג, און אים צעפּאַרעט. —
האָט ער זיך אַ נעם געטאָן קראַצן,
פּלעשקן דאָס וואַסער ווי טאַצן,
שרימפּן און בּרומען,
דריגן מיט פיס און רייבּן די לאָקן.
פּלוצים, — שטיל:
סע זענען אַרויפגעשווימען
צוויי פאַרדאַרטע זאָקן!

אַז מע האָט אים פון וואנע אַרויסגעבּראַכט —
האָט ער זיך פאַר נאַכעס צעלאַכט.
ער האָט זיך אַליין ניט דערקענט, —
זיך געזעצט אַף אַ בּאַנק,
און אויסגעשטרעקט דעם סאַניטאַר די הענט.

„אַ דאַנק!"

דערנאָך צו די מענער, —
וואָס איינער פון צווייטן ניט קלענער: —
„איצט
גלוסט זיך
עפּעס נעמען
אין מויל!“

יאָנטעוו

ערעפּלאַנען פליִען
אין הויכן דרויסן!
קינדערלעך פירט מען
אין אַווטאָס אין גרויסע!

אַנדערע גייען
אף דר'ערד זייער גאַנג.

פאָנען,
פּלאַקאַטן,
רויש און געזאַנג.

— „קינדערלעך, זאָגט,
וואָס ווילט איר זיין?..״

זעען די קינדער:
פאַרייִנען שפּאַנען. —
זאָגן די קינדער:
— „ווי די, פון דאַנען, —
אַרבעטער ווילן מיר זיין!״

דערזעען זיי באַלד,
אַרמייער שפּאַנען,—
שרייען זיי אויס:
— „ווי די, פון דאַנען,—
אַרמייער ווילן מיר זיין!"

און באַלד זיי דערזעען
סע פליען עראָפּלאַנען—
שרייען זיי אויס:
— „ווי די, פון דאַנען,—
ראָפּלאַנען ווילן מיר זיין!"

פּאָנען, טרומייטן,
שׂאָטן און שיין,
אַלץ וואָס זיי זעען,
ווילן זיי זיין!"

אינהאַלט

אַ קיילעכיק יאָר

(לידער און נאַטור - לידער)

	זייט
צוויטשי - צוויטשי	7
פרי - יאָר	8
שוואַלבן	9
דאָס ריטשקעלע	11
זומער - קאָלאָניע	13
רעגנלאָזע צייט	15
פארן רעגן	16
נאָכן רעגן	17
מאָן	18
הינדעלעך	19
דרעש - צייט	20
מאַי	21
זומער	23
אין גאָרטן	24
באַם טייכל	25
נעפל	26
שטאָט און דאָרף	28
זומער - היץ	29
סאָף זומער	31
ערשטער אָסיען - טאָג	32
גאַנץ פרי	34
קאָמונע	36

זייט

אָסיען	37
טראַמוואַי און פאָרשטאָט	39
אין באָד	40
פיאָנערן	42
קאַץ און מויז	43
כאָלעם	44
רויטע אַרמיי	45
טראַמוואַי	46
די פליג	47
אַרבעטלאָז	49
אין זאָאָ-גאָרטן	51
ברוקירער	52
אַרל און שוילקע	54
דאָס יאָר 1905	57
אין איין שיכל	60
שניי-טייבעלעך	62
העפקער-קינד	63
שפראַכן	64
שענסטער נאָמען	66
פרילינג	67
מאַי	68

רינג און רינג

(שפילן)

ליאַם און פעטריק	71
אָט אָ גייט א רעגן	73
ריטשקעס	74
פון זאַמד	75
צוגאַסט	76

זייט

ניסעלעך 79
טיק־טאַק 81
שעפּן פאָרן 83
הוידע, צווייגעלע 86
אַ קאָלעקטיוו 87
מיין ליוסי 89
פייפעלעך 91
דאָס פידעלע 93
טייבעלע 95
אַווטאָמאָבילן 96
אַף דער הוידעלקע 98
קאַטשקע מיט קאַטשקעלעך 100
מיינע קינדער 101
אַפן שניי 103
שניי דעם וואַלד 104
מיטן שליטל 106
אַפן גליטש 108
שנייען־שפּיל 110

מי און מאַי

(פּאָעמען און דערציילונגען)

הויז פון פּראָפּאַריינען 115
סאַנקאָם 120
דאָס קאווענדל 123
סעדער 126
דער בוהאַי 130
אַ מאַיסע 136
אין וואַלד 137
די צוקערקע 146

זייט

קלײנע יעטא און איר מאַמע	151
דאָס קעצעלע	155
מיט דער מישפּאָכע אין צירק	159
מײן מומע האָדל	164
באָבע שלאַק מיט איר קאַבאַק	168
דער גרויסער קניש	171
קײן פּעטרעשקע ניט ווערט	174
אַמאָל איז געווען	182
אין דער וואַסערפירער	191
דאָס זשוקל	200
פויגל - פעטער	203
פריצי דאָס דײטשישע אינגעלע	216
קאַרל ליבקנעכט אפן קײסער - באַלקאָן	221
בערטשיק	226
לעמל נאַשער	237
הירשקע ביק	247
בוץ	251
יאָנטעוו	257

מאַך צורעכט די פעלערן:

זייט :	שורע :	שטייט :	דאַרף זיין :
67	14	געהיפעט	געהעפעט
144	19	קאנגורעכס	קאנגורעכעס
159	3	גרויס	גרויסן
183	13	בוימער זיי,	בוימער זיין
184	12	דער פראָסט	דעם פראָסט

אידישע פאלקס ביבליאטעק
Montreal - מאנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

FEB 2 8 1935
NOV 2 8 1936
JUN 3 0 1937
AUG 3 0 1938
MAY 3 1 1939
JUN 2 6 1939

1) די פאלקס ביבליאטעק איז אפן טעגלאך פון 2 ביז 10 אוו., זונטיק פון 10 ביז 12 פרי און פון 2 ביז 10 אוונט. ביכער קען מען ארויס-נעמען יעדן טאג אויסער שבתים און ימים טובים.

2) ביכער אהיים קענען ארויסגעגעבן ווערן בלויז צו מיטגלידער אויף א דעפאָזיט פון 50 סענט.

3) א בוך ווערט ארויסגעגעבן בלויז אויף 2 וואכן; ווען דער לעזער האט דעם בוך נישט געענדיקט מוז ער בעטן א פארלענגערונג.

איין סענט א טאָג שטראף ווערט גערעכנט פאר האלטן א בוך מער ווי 2 וואכן.

בייט אייערע ביכער אין צייט

42